NLC BNC
3 3286 06175066 3

# צוויי וועלטן

Brownstone, Isaac
A. M.

# צוויי וועלטען

## אנגעװארפענע בלומען

פון

## יחזקאל א. מ. בראנשטיין

## זון און בענקשאפט

פון

## מרדכי מילער

ארויסגעגעבען פון
**פארלאג „וויניפעג"**
וויניפעג, קענעדא
*1919*

נעדרוקט ביי די פיפלס פרינטינג קא., לטד., 982 מיין סט., וויניפעג.

# יחזקאל א. מ. בּראָנשטיין.

# אנגעוואָרפענע בּלומען.

אסתר'ן מיין שוועסטער; — מיט אכטונג געווידמעט

PS8503
R877
T78
1919

Copyright 1919
By
Isaac A. M. Brownstone
&
Max Miller



איך האָב זיך ביי קיינעם געלערנט,
מיט זיך בלויז גע׳חבר׳ט אליין;
א נעץ זיך אליין אויסגעשפונען
געלאָזט זיך אין וועג אליין געהן.



# ווינטער.

# צו אייך

ניין, איך בין ניט פריה געקומען.
ס'האָט מיך ווער אין צייט געבראכט,
גאָט האָט מיר געהייסעןריידען
ווייזען אייך דורך מיר זיין מאכט.

און מעגט איהר אויף מיר לויערען
מיט דער קראפט פון בייזען ווינט,
וועט מיין וואָרט צו אייך זיך טראגען
ווי די פייל פון בויגען שווינד.

און עס וועט מיין וואָרט אייך טרעפען
ווי דאָס ליכט אויף יעדען ארט.
פאר דעם וואָרט פון גאָט פארהיטען
קאָן דער מענש זיך דאָך ניט פאָרט.

# קאנאדער ווינטער

1

מאהלען בוימער
אויף די שויבען
זיך אין ליכט פון טאָג;
רויזען באקען
זיך אין דרויסען
ווען אין גאס זיך יאג. —

ריהרט א האנט דיר
אָן דיין פּנים
פריהרט אין דיר דיין בלוט;
זעהסט ניט קיינעם
דאָך עס ארט דיר;
שעלטען האָסט קיין מוט.

געהסט א בייזער
מיט דיין צאָרען
ווייסט דערפון דעם מיין:
ס׳האָט דער ווינטער
דיך באצוואונגען
קאָנסט קיין חכם זיין.

2

גיכט די זון מיט
קאלטע שטראהלען
ווארימט ניט קיין ווייל;
רעגט אין הארץ זיך
וואָס פארבאָרגען
צאָרענסט דו מיט גאל.

פאלען בליקען ווייט,
ס'ווילט זיך זיצען
ביי אן אויווען
ווארימען א צייט.

4

וויים'ט די ווייטקייט
זיך א וואונדער,
דרויסען געהט א שניי.
פאלען פערעל
זינגען שטערען
שטעה און קוק אויף זיי!

לויפט א שליטען
פאר די אויגען
כאפ זיך 'הין ארויף;
געהען מיידלעך
וואו שפאצירען
נעהם זיי אויך ארויף.

ווינטער־בלומען
זיינען גוטע.
ריים וויפיעל דו קאָנסט,
פרעג ניט קיינעם.
טו וואָס גלוסט דיר
ווען אין וועג דו שפאנסט.

5

געהסט אין דרויסען
זעהסט ניט קיינעם
און דו שפירסט א קעלט:

בלאסט א גליער זיך
אויף דיין פנים,
פאלט פון אויג א טרערה.
רייבסט מיט שניי זיך
איין דאָס פנים:
אויף דעם הארץ איז שווער.

קיהלט א פינגער
פון דיין האנט דיר
און דיין פוס אויך פריהרט;
פרעסען דיינע
ליפען, בייז זיך
און דיין הארץ דיר קיהלט.

3

לויפען מענשען
טאנצען שפרינגען
איילען זיך, א שרעק.
שטיל אין דרויסען:
קיינער טרייבט ניט.
לאנג איז איצט דער וועג.

פון די קוימענס
שלענגלען רויך'ען
זיך ארויף אין הויך.
מענשען־קינדער
ציטער־שאָטען
פאָלגען נאָך דעם רויך.

פלאמען באקען
שלאָגען הערצער

ס'ווינקט די ווייטקייט
מיט איהר שימער
דורך טויזענט אויגען.
דו פארגעסט זיך
אין דיין קומער,
וואָלסט איצט וואו געפלויגען.

7

אין דער ווייטקייט
וואָלסט געפלויגען
זוכען נאָט'ס א בליק;
אין דער ווייסקייט
בלויז זיך באָדען
איז פאר דיר א גליק.

קוקסט פארגאפט אויף
נאָט'ס גרויס וואונדער,
וואונדערסט זיך א צייט:
ווער אזוינס, מיט
פערעל רעגענט
פון דער הויכער ווייט?

און עס שלאָגט, דיין
הארץ איצט פעסטער,
לאזט זיך ווייט אועק:
קומט א מיידעל
דיר אנטקעגען
נעהמט צו אלץ און עק.

8

בלאָזט א פראָסט־ווינט
שמייסט מיט ריטער

קלאָהרער הימעל
ווייסער שניי
זויבער ריינע וועלט.

אומבאמערקבאר
פרעסט זיך צו ווער
צו דיין ווארים־לייב;
געהסט און טראכסט זיך
וועגען עפּעס
מערקסט ניט דעם וואָס שרייבט.

פלוצים ציטערסט
אויף אין פיבער
וואָס האָט דיך באריהרט;
פאלסט אנידער
אויף דער ערד שטיל
און דו ווערסט פארפריהרט.

6

געהסט ארויס אין
נאס, א יונגער,
קומסט א גרויער צ׳ריק.
האָסט געעלטערט
זיך אין דרויסען
אין איין אויגענבליק.

דיינע ווייטע
בליקען פאלען
אין דער ווייסקייט וואו;
אין דעם שניי זיך
טוסט פארלירען,
בענקסט ניט מעהר נאָך רוה.

לאכט דער פראסט זיך
הויך פאנאנדער:
נאכט, דו ביזט א נאר!
בויג דיין קאָפּ פאר
מיר, דעם זקן,
איך בין איצט דער האר!

10

שטעהען ביי'ם קאָרנער
מענשען פיעל
ווארטען אויף א קאר,
קנייטשען גליעדער
זיך צוזאמען,
קוקען אויגען שטאר.

שלאָגען זיי, א
פוס אין צווייטען,
ציטערען פון קעלט.
ציהט א בענקשאפט
זיך פון הארצען
שטעלט א קאר, זיך שטעלט.

שטופט פאראוים זיך
יעדער איינער,
וויל צו ערשט אריין;
פאלען קלינגערם
פון די הענט נאָר
מאכט מען פריי א שפאן.

דיר אין פּנים גלייך;
שטעכען נאָדלען
דיינע גליעדער
אָהן א שיעור א סך.

אויף דיין קאָפּ, דיין
היטעל בלאָזט זיך
ווער באריהרט די האָהר
ס'איז דער פראָסט־ווינט —
טראכסט דו שטיל זיך,
אליין פאר דיר איז קלאָהר.

ברענגט דער פראָסט־ווינט
דיר א שטימע
ערגעץ וואו פון ווייט,
פאלט דיר איין, דאָס
איז א קרבן
וואָס בעט הילף און שרייט.

9

רוהט די נאכט זיך
אין איהר דרימעל
חלום'ט פון וואָס שעהן.
שפּרייט דער פראסט זיך
שטיל זיין נעץ אויס
זילבער־ווייס א חן.

וואכט די נאכט אויף
פון איהר דרימעל
וואונדערט זיך א צייט:
ערשט געווען איז
יעדער יונג נאָך
צינד שוין אלטע לייט.

שטעהט א מיידעל
ביי דעם אויוועז,
ווארימט זיך די הענט;
גליטשען זיך אויף
איהר פיעל בליקען
דורך די מענער־ווענט.

געהט א בחור
צו א דרייסטער
באַט איהר אָן, ארויס;
גלייכט זי אויס די
האָהר זיך רויטלענד,
געהט מיט איהם ארויס.

3

פאלט א „לערנער"
ברעכט דער ריטעם
אלע לאכען פריי;
קומט א פרעמדער
ריהרט דיין נאָז אָן,
גליטשסט דו זיך אויפסניי.

פרוי־געלעכטער
ליבעס־בליקען
פאָלגען נאָך מיוזיק;
מיוזיק־טענער
וויגען איין דיך
אין א טרוים פון גליק.

דרעהסט זיך אויף דעם
„רינג" א פרייער:

# אויף דעם סקייטינג רינג

1

פלאמען ליכטער
רונד ארום דעם
פלאכען „סקייטינג רינג״;
יאגען פּאָרלעך
רונד ארום זיך
אין געזאנג זעהר פלינק.

שטעהען מיידלעך
ביי די ברעגען,
קוקען שטאר פארבענקט:
ווען א יונגער
בחור קומען
דאן א בליק איהם, שענק.

וועט ער קלייבען
אויס די שעהנסטע
מיט איהר פלינק אוועק;
ווערען פאלען
קנאה־בליקען
פיעל אויף זיי א שרעק.

2

ס׳עפענט די טיר
און פארמאכט זיך
נייע קומען אן.
די וואָס גליטשען
זיך פון לאנג שוין
ווארימען זיך אָן.

דעקען צו די גלידערלעך
פון דער נאמע ערד.

לויפען וואו, אָה קינדערלאך
וואו ארום אין גאס;
ווערען זיי פון שנייעלאך
איינגעהילט אין בלאס.

שפּילען זיך די קינדערלאך,
שפּילען זיך אין שניי
ציטערען די גלידערלאך
מיר זאָל זיין פאר זיי.

ווער איז צו דיר גלייך?
דיינע בליקען
פאלען שטאָלצע
אויף דעם קלאָהרען טייך.

## געסט

ברענט אין שטוב א
פייערל זיך,
ווארימט זיך די טהעע;
ווארטען טישען
פול מיט עסען
קומען געסט צו צוויי.

גיסט די מאמע
טהעע אָן יעדען,
פייערט זיך א פרייד;
שטיפען יונגע
לאכען אלטע
אין דער נאכט זעהר שפעט.

זעגענט זיך א
יעדער איינער
ווינשט: א גוטע נאכט, —
פאָארלען אלע
זיך צוזאמען,
ווערט די טיר פארמאכט.

## שנייעלאך און קינדערלאך

פאלען שנייעלאך אָהן צאָהל
פאלען צו דער ערד,

21

# אויס דער אייביגקייט

1

איך בין דער ווינט
פון לעבען,
אונבאגרענעצט איז מיין מאכט.
כ'ריים די שינדעל
פון די דעכער,
פון דעם טייפעל מיין הארץ לאכט.

מיין שפראך
איז דונער־קראך
וואָס שטורם'ט אויף די וועלט;
כ'דיען ניט קיינעם,
זיך אליין נור,
קינדער שלעכטע איך פארשעלט.

# אוים דער וועלט פון אלע וועלטען.

דעם אנדענק פון י. ל. פרץ געווידמעט.

מיט די רוימען פון דער ווייט.
אלעס טוט
פאר מיר זיך בוקען,
אויף זיין אָרט און אין זיין צייט.

איך בין דער שטאָלץ
פון אלע וועלטען,
פון דער געטליכקייט די קרוין.
עס דיענען די
מזלות מיר
אָהן א דאנק און אָהן א לוין.

3

עס שפייט מיין הארץ
מיט פייער־גאל
דעם שקר אין זיין פנים;
עס רייסט מיין שפראך
די מאסק' ארונטער,
פון נביאים פון נאראנים.

מיינע ארעמס —
א פרוכת;
איבער דיר איז, וועלט פארשפרייט.
אונטער מיינע פליגעל,
שקר,
קאָן ניט בויען זיך קיין נעסט.

פון די אויגען מיינע
קוואלען
גיסען ברייט זיך אוים אין וועלט;
שטראמען ווייטע

שלעכטע פרוכטען
איך פארשנייד,
שוין ניט קיינעם דאָ און דאָרט.
איך לאָך זיך אויס
פון יעדן איינעם,
טרעף דעם שקר אויף זיין אָרט!

און טרעפט צומאָל
א בייזער דאָרען
אויף מיין לאנגען ווייטען וועג, —
שנייד איך איהם
אראָפּ מיט צאָרען,
פרעג ביי קיינעם ני מען מעג.

עס איז פון שטאָל
מיין ווילען געקנאָטען,
כ׳טו וואָס מיר אליין געפעלט,
איך בין אזוי
פון זיך געבוירען,
קיינער מיר דעם וועג פארשטעלט.

2

פאר מיינע אויגען
וואכען דורות,
ריזעלט זיך דער טאָג אוועק;
כ׳בין מיט אלין
צענויפגעוואקסען,
ווייס פון צוים ניט און קיין ברעג.

ס׳איז די וועלט
פאר מיר באשאפען,

מיך ניט טרייסטען:
אלץ זאָל ווערען ווי געווען.

ווען זיין וועלט
האָט גאָט באשאפען,
און זיין מייסטער־ווערק געזעהן, —
איז אן אומעט
איהם באפאלען
ס'האט געפעהלט ווער איהם פארשטעהן.

איז איהם איינגעפאלען
שאפען
זיך א בריאה א געשטאלט,
וואָס זאָל שעצען
זיין מלאכה
פון זיין גרויסער קינסטלער האנט.

האָט זיך גאָט
דעם מענש באשאפען,
לויט דעם מוסטער פון זיין „איך“,
האָט זיין ווערק
איהם איבערטראפען
און פארפאָלגט זיין איינען־איך.

האָט געצאָרענט
הויך גאָט'ס ווילען,
גאָרניט האָט זיין הארץ געשטילט;
האָט ער בייז
זיין ווערק פארדאָרבען, —
האָט זיין צאָרען איינגעשטילט.

פון זיי ציהען
וואָס פארניכטען מענש דיין צעלט.

4

פעלזען־הארץ מיין,
שלאָג מיט שטורעם,
טראָג פאנאנדער הויך גאָט'ס וואָרט;
פורכט פאר קיינעם!
דו ביזט הערשער:
יאָג ארויס דעם שקר פאָרט!

זעה איז הימעל
שווימט א זון זיך.
העל ארום באהערשט די וועלט;
גאָט האָט הארץ
נעקרוינט אלס זון דיך
צו באהעלען איהם זיין וועלט.

שלאָג־זשע פעסט,
רייד הויך און מוטיג;
ביזט פון לעבען דאָך די קרוין
דיינע ווערטער, —
פייער־צונגען
דאָך פארניכטען יעדען צוים.

5

אויגען מיינע,
זעהט דעם חורבן
אויף דער וועלט וואָס איז געשעהן, —
טרעהרען קאָנען

# דער זוכער

דראַמאַטישע פּאָעמע אין איין אַקט

פּ ע ר ז אָ נ ע ן:

**דער זוכער.** א מאַן פון א יאָהר 28. מעלאַנכאָליש אויף דעם פּנים — עלטער לויט די יאָהרען.
**די נשמה.** פּערזאָניפיצירט לויט דעם פּינקטליכען אויסזעהן פון דעם זוכער.
**דער פרעמדער.** א מיסטישע פּערזאָן פון גרויען־יונגען עלטער.
**דאָס ווייסען.** א פאַנטאַסטישע זקנה פון א יאָהר 60.

ביינאַכט. צווישען בערג פון טייך און וואַלד. שטורמדיג אביסעל. דער הימעל פּאַרוואָלקענט. דער וואַלד רוישט. דער טייך ברויזט מיט שטורעם. עס הערט זיך פון וויטען דאָס בילען פון הינט. אויף דער נידער־הויך. פון בערג טייך, ליעגט דער זוכער מיט'ן פּנים צום וואַלד און דריימעלט. ארום בערג פון וואַלד זעהט דער „זוכער" איז חלום זיך אליין. א וואַכעדיגען מיט „דאָס ווייסען" אומשפּאַצירען.

**דאָס ווייסען.**

אזוי ווערט דער טאָג פון נאַכט געבוירען.
אזוי פיהרט פון תמיד זיך אויף די וועלט.

**די נשמה.**

דאָס באַפרידיגט, אָבער, אלץ ניט מיין נשמה.
דאָס שטילט נאָך ניט איין מיין ברויזענד געמיט.

**דאָס ווייסען.**

דעם סוף, אבער, נאָך וועלכען דיין נשמה גאָרט.
וועט מיין פּערזאָן דיר קיינמאָל ניט ענטדעקען.

6

און חרטה
האָט באקומען
אויף זיין לעצטער טאט דער בורא,
ווען ער האָט
געדענקט דעריבער
איז באפאלען איהם א מורא.

האָט ער אלע
זיינע ליכטער
הערליך אָנגעצונדען שטיל,
און גערולדיג
זיך גענומען
צו זיין אלטען־נייעם שפיעל.

און געשאפען
האָט דער בורא
זיך דעם מענשען אויף דאָס ניי,
אין די נייע
וועגען זיינע
איהם געלאָזען געהן זיך פריי.

ער שלאָגט זיך אַז איז „זוכער". דער „זוכער" כאַפּט זיך אויף. פּויזע.

**דער זוכער**

אַזוי ווי אַ חלום איז זי אויך פאַרביי.
דאָך וואָלט איך איהר וועלען נאָך זעהן אויף דאָס ניי.

ער קוקט זיך אום. באַמערקט דעם פרעמדען פאַרוואונדערט.

— און ווער ביזטו, דו אומבאַקאַנטער גרויסער?
דער פרעמדער קוקט פאַרגאַפט אין טייך און שווייגט.

**דער זוכער**

זאָג מיר, פרעמדער, זאָג אין נאַכט מיר ווער דו ביזט
וואָס האָט דיך אַהער געבראַכט. זאָג מיר, פרעמדער.
מוזט!

**דער פרעמדער.**

אַלײן קוקענדיג אין טייך.
איך בין דער היטער פון אַלע ווייטע זייטען.
דער באַשטימער פון די וועלטען אַלע גרויסע.
איך קאָן דיין וועלט אויף גיך אין וואָס אומבייטען.
ווען מיין ווילען זאָל נור, זוכער, זיין אַזוי.

**דער זוכער**

נו. און ווען מיין אייגען־ווילען איז פאַרסעהרט?

**דער פרעמדער.**

מיט שפּאָט.
דיין אייגען־ווילען האָט פאַר מיר קיין ווערט ניט:
עס פעהלט דיך קיינער וואָס מיט דיר צו טאָן.

**דער זוכער**

וואָס־זשע איז דיין ווילען, זאָג מיר, פרעמדער, איצט?

**דער פרעמדער.**

מיין ווילען איז, ענטדעקען לעבענס־סוד דיר איצט.

**דער זוכער**

צו זיך אַליין ערשטוינט.

**די נשמה.**

דאך ווי זיכער יעדען טאג די זון געהט אויף.
אזוי זיכער וועל איך, נאך דעם סוף זיך יאגען.

**דאָס וויסען.**

יאגענדיג זיך. אבער, נאך דעם גרויסען סוף.
מוזטו זיך דאך. זוכער, אנשלאגען אן מיר.
און מיין מאכט איז. ליידער. ווי דו ווייסט באגרעניצט

**די נשמה.**

מעג דיין מאכט באגרעניצט זיין ווי מעגליך.
קימערט, עס וויסען, מיך וועניג—איך זאג.
ווייל דו ביזט אין וועג די לעצטע וואפע.
מוז איך אומבאדינגט דיך אויך באצווינגען
און מיט דיר, אויב מעגליך, מיין ציעל אויך ערגרייכען.

**דאָס וויסען.**

איך וויל דיר קיין שטיינער אין וועג דיר ניט לעגען.
דאך, זוכער, איך בעט דיך פאר מיר זיך ניט בויגען.

**די נשמה.**

איך בויג ניט מיין קאפ, זיי זיכער, פאר דיר
און טו איך עס יא, איז דאס דאך פאר מיר.

**דאָס וויסען.**

אויב אזוי. טו זיי געבענשט מיר, זוכער,
און האלט דיין אויג אין וועג אויף מיר אליין.

דער זוכער ווארפט זיך דורך אין שלאף „דאס ווי־
סען" און „די נשמה" טרעטען אפ אין וואלד. דער פרעמ־
דער טרעט אויף

**דער פרעמדער.**

טראגט זיך. וועלען, וויט אוועק אין ווייטקייט.
הערט נימ קיינמאל אויף אין וועג זיך יאגען.
טרעפט איהר עפעס אן אין וועג דעם לאנגען
אין דער וויט זאלט איהר דאס ראש פארטראגען.

איך בין באַרייט; אַליין, אַליין איך געה
דעם טויט פאַר זיך, אַלץ איינס אַצינד איך זעה.

דער זוכער געהט אַ באַזינגטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטען קאָפּ צום ברעג. ער וואַרפט אַ שאַרפען בליק צום הימעל. צו דעם גאַנצען וואַלד־אַרום און וואַרפט זיך ווילד אין טייך אַריין. דער פרעמדער שטעהט דערביי אומבאַוועגליך און זעהט דאָס אַלץ צו קאַלטבלוטיג.

## מתנות פון בורא

אין דעם שפּיגעל־טיף פון לעבען
זעה איך שאָטענס גרויע פּיעלע
יעדער שאָטען זינגט פון האַרצען
פאַר דעם בורא תפילות שטילע.

און די שטילע תפלות שעהנע
טראָגען זיך אַרויף צום בורא;
וואו מלאכים ווייס־געקליידטע
טיילען זיי איהם צו מיט מורא.

און דער בורא פון די וועלטען,
נעהמט די תפילות אויף מיט ליעבע.
פון די אויגען זיינע, טרעהרען
פאַלען שטיל אַרונטער טריעבע.

פון דעם הימעל־טיף, דעם בלויען,
נידערען אַראָפּ די טרעהרען.
טרעהרען זיינען, די מתנות,
וואָס דער בורא שיקט אין וועלען.

עס קלינגט ווי א חלום. צי איז דאס מעגליך?
נארעז מיינע אויערעז מיך אין נאכט ניט אפ?
אונגלויבליך, דאך שווער איך: ס'איז ווירקליך אזוי.

**דער פרעמדער.**

וואונדער זיך ניט. גאט האט מיך צו דיר געשיקט.
ווען דו ווילסט, אבער, דעם סוד איצט וויסען. —
מוזטו, זוכער, דאך פון טויט געניסען.

**דער זוכער**

נאכדענקענד

איך בין בארייט מיט איין קליינעם באדינג.
ווען לאזט דעם סוד פאראויס מיר וויסען פלינק.

**דער פרעמדער**

איך בין ניט קיין סוחר. וואס דינגסט זיך מיט מיר.
אין טויט בלויז געפינען דעם סוד קאנסטו דיר.
און ווילסטו צי ניט — דאס מאכט מיר ניט אויס.
אליין איינם מוזטו, זוכער, פון לעבען ארויס.

**דער זוכער**

איך וועל דאך אויך שפעטער דעם טויט ניט אנווערען:
טו לאז מיך נאך לענגער דעם לעבענס־שיר הערען.

פויזע. נאכדכענקענד. ווילד מיט האס און מיט צארען
נור אויב ס'איז אוממעגליך. טו בין איך בארייט
אום יעדען פרייז דעם סוד איצט געניסען.
אום ווידער ניט פאלען צו די פיס דעם וויסען.

**דער פרעמדער**

נעה אין טייך אליין אוועק מיט גוטען.
יאג זיך לאך דיין אייגען־בילד דארט נאך

און ווען דו וועסט אין טייך זיך דארט ווילד באפען.
וועסטו זוכער, זיך דעם סוד דערוויסען.

**דער זוכער**

שטיל נאכגעביג

## ווען די שטונדע האָט געקלונגען

ווען די שטונדע האָט געקלונגען
און פמליא של מעלה
האָט א לויב צו גאָט געזונגען,
האָט גאָט אין הויך, אזוי געזאָגט:

זונען־שטראהלען, קינדער מיינע,
לאָזט אין וועג זיך גיך אוועק,
צו מיין קנעכט אין שטיבעל קומען,
דאָס זאָל זיין בלויז אייער צוועק.

און איהר זאָלט אין ליכט איהם הילען,
ווארימען א לאנגע צייט:
ווי דאָס ווינקען פון דער צוקונפט
וואָס וויברירט זיך פון דער ווייט.

האָט די זון זיך שטיל געזעגנט
מיט איהר נאכט־געלעגער שעהן
און צו מיר זיך זאכט געלאָזען
און געקומען שנעל צו געהן.

האָב איך פלינק ערוואכט פון חלום,
אָנגענומען זיך מיט מוט
און דער וועלט געלאָזען הערען
ווי עס זידט מיין פייער־בלוט.

## די יאָהרען

ד׳יאהרען זיך לויפען און פליהען,
אומגעשטערט פון יעדער מאכט.
ס׳וויסט די צייט ניט פון קיין רוהען,
ס׳קומט נאָך יעדען יאָהר א נאכט.

און די נאכט־נעבלען, — זיי וועבען
אוים א יאָהר א ווייסען שעהן;
און עס וואקסט א נייער שטרעבען
מיט דעם יאָהר וואָס קומט צו געהן.

## אייביגקייט

מיט'ן קאָפּ אין הויך פון עטהער,
שוועב איך, אייביגקייט, ארום.
דאָ און דאָרט הויכט מיין אטעם,
וואָס באפייכט דאָס לעבען שטום.

מיינע וואָרצלען — ריעזען־גייסט,
בליהען וואקסען איבעראל.
כ'בין פארגאנגענהייט און צוקונפט,
שעפּפערישער וועלטען־אל.

כ'האָב קיין אָנהויב ניט, קיין סוף,
כ'בין די ווירקליכקייט אליין.
לויטער קראפט, גייסט און ווילען
אין מאטעריע געשעהן.

מיין שפּראך איז ווינט, גלוט ז'לאווע
רעגען און היץ, קעלט און שניי,
פריהלינג, זומער, הערבסט און ווינטער,
רעדט פון מיר ארויס דורך זיי.

כ'בין אין אלע צייטען איינע,
כ'האָב מיין וואוינונג דאָ און דאָרט.
טויט און לעבען בין אינאיינעם,
כ'וויים פון צייט ניט און קיין ארט.

## איך האָב מיינע וואָרצלען

איך האָב מיינע וואָרצלען
אין אוראַלטע צייטען,
עס קאָן ניט דאָס לעבען
מיין אויסזעהען פאַרבייטען.

איך טראָג ווי אַ ווינט זיך
אין אַלע מקומות;
און שטעק אָן די פעלקער.
מיט מיינע חלומות.

## די צייטען

עס סוד'ן זיך די צייטען
דער עבר און צינד.
דער עתיד ווינקט ליעבליך
צום לעבען דיך בינדט.

דאָס לעבען עס דרעהט זיך
אהין און אהער;
עס פיהרט דיך און פיהרט דיך
וואוהין ווייסט ניט ווער.

## אויס דער צוקונפט

דער האס איז פארשוואונדען
פון מענשען צו מענשען,
די וועלט איז שוין מעהר נים קיין שטאל.
און יעדער באזונדער
מיט שטארקער ליעבע בענשט
די אלע וואס טרינקען פון קוואל.

די אלע וואס טרינקען
פון איין קוואל צו זאט שוין,
זיי שמייכלען גאר אלע אצינד
עס האט זיי דאס לעבען
דאך ענדליך דערהויבען
צו לעבען א לעבען אהן זינד.

## וועלט און מענש

די וועלט איז א מבול
דער מענש איז א תיבה
דאס לעבען — אין הארצען ביי איהם.
דאס לעבען — א שטורעם,
וואס בויט און פארניכטעט
פון לעבען דעם איינענעם חלום.

דער חלום, — ער וועבט זיך
פון איינענעם הארצען.
און געהט פון זיך ווייט ניט אוועק;
מיר זיינען דער חלום,
די בויער, צעשטערער
פון לעבען דער איינציגער צוועק.

# עס פאַלט שוין ווידער צו די נאַכט

עס פאַלט שוין ווידער צו די נאַכט.
בלייב איך עלענד
מיט מיין שאָטען.
פון די אויגען קייקלען שטיל זיך טרערן
זיצענדיג אליין.
קיינער אָבער קיינער
הערט ניט מיין געוויין.

עס פאַלט שוין ווידער צו די נאַכט
און מיין בענקשאַפט
טראָגט זיך וואו אוועק.
צו די אויערען מיינע
טראָגט פון וואו זיך א געזאַנג
און איך שיק א תפלה
צו דעם בורא לאַנג.

עס פאַלט שוין ווידער צו די נאַכט
ווי דער חלום
פון א קינד:
פאַר די אויגען טראָגען זיך געשפּענסטער
לאָזענדיג נאָך זיך א שרעק.
ווילט פאַר מורא זיך וואו פליהען
קאָן איך טרעפען ניט קיין וועג.

עס פאַלט שוין ווידער צו די נאַכט
און אין דמיון

# נאכט־געזאנגען.

און איך שיק צום בורא
פון מיין הארצען א געבעט.

ביינאכט
ווען ליכט און שאָטען
קושען זיך מיט ליבע שטארק צענויף,
און אלץ וואָס איז דערהויבט זיך
אין דעם חלום־רייך פון טרוים
צו דער עהרליכקייט
פון אייביג־זיין,
שלאָגט מיין הארץ
מיט ריזען־קראפט
פרואוו איך ברעכען שיקזאל'ס צוים.

ביינאכט
ווען טרוים און ווירקליכקייט
גיסען זיך אין איין'ס צונויף
און עס רעגענט פון דער הויך זיך
שטיל א נאכט־געדיכט,
וואָס מאָלט אין חלום יעדען מענשען
אוים א וועלט
פון לויטער זון,
טוט דער בורא זיך ענטדעקען
צו מיר אין זיין גאנצער ליכט.

## אין נאכט

הימעל־ליכטער, דימענט־שטערען
זינגען שטיל אין נאכט א ליעד.
די לבנה שיינט מיט צוויבער
ווערסט אין נאכט גאר געהן ניט מיער.

וועבען זיך געדאנקען פריי.
פאלען מיינע בליקען ווייט
זוכען עפעס וואו,
טרעפען זיי אליין מיך אָן:
נאר, אָט דאָס ביזט דו!

עס פאלט שוין ווידער צו די נאכט
און איך גאר
מיין מיידעל איצט צו זעהן,
עפענט זיך די טיר א שטילע
קומט עמיץ צוגעהן,
גלויב איך ניט די אויגען מיינע
און פארגעה זיך אין געוויין.

עס פאלט שוין ווידער צו די נאכט
ווילט זיך וויסען
גאָט דיין סוד.
געה איך אויף דעם פעלד ארויס,
זוך דיך וואו ארום
טרעף איך דיך אין וועג ניט אָן
צאָרן איך און שטום.

## ביינאכט

ביינאכט
ווען עס שפרייט
די צפון־ליכט זיך שטיל פאנאנדער
און עס רוהט
שוין יעדער אויף זיין בעט,
לאז איך זיך
ארויס א שטילער
מיט א בענקשאפט אויף דעם וועג

אַך, ווי גוט ס'איז רוהען איצטער
ווען דער מענש דיר דאָס ניט שטערט!

כ'ליעב צו זעהן פון דער לבנה
שטראַהלען בלייכע אין דעם טייך,
ווען זיי ציטערען אין וואַסער
איז מיין פרייד צו קיינעם'ס גלייך.

כ'ליעב צו הערען אויך דעם ניגון
פון די בוימער־תפלות שפעט.
וויגען צווייגען זיך מיט שטורעם
דוכט מיר: גאָט אליין דאָס רעדט.

3

שאַ שטיל. עס הערשט די נאַכט.
דער טייך זיך וויעגט א וואונדער;
מיט דער ברוסט ארויף צום הימעל
ליג איך איצט און טרוים א וואונדער.

הער זיך איין: עס רוישט דער וואַלד,
די גראָזען שטיל זיך וויגען.
עס טראָגט פון וואו זיך א געזאַנג
ווי גוט איז דאָ איצט ליגען!

4

שאַ שטיל. א מיידעל לאַכט.
ניט פאַרשוועך די הייליגקייט פון ליעבע.
אין דעם חושך פון דער נאַכט
איז דער ליבע גוט זיך איבערגעבע!.

איך גיה און שלאָג זיך אָן אָן וואלד
כ'בלייב פארגאפט דאָרט פלוצים שטעהן.
ס'תפלה'ן איצט די בוימער שטילע,
ווילט זיך תפלה'ן אויך ניט געהן.

פאל איך אויף די קניה אנידער
מיט דעם פנים צו א בוים;
שיק צום בורא הויך א תפלה
וואָס פארוויגט מיך אין א טרוים.

## אין פארק

1

עס זיינען די מענשען
זיך לאנג שוין צעגאנגען
געבליבען דער פארק איז זיך עלענד אליין;
עס זיינען פאר'עלענדט
די בענק זיך געבליבען
דער וואכמאן טוט לענגער אויף זיין וואך ניט שטעהן.

אין עלענד די וועגען
אלעען געבליבען;
די לאָמפען ניט לייכטען, ס'איז פינסטער אין פארק.
דו זעהסט ניט קיין מענשען
דיר דוכט: ניטאָ קיינער
דאָך הערצער וואו שלאָגען אצינד דאָ זעהר שטארק.

2

כ'ליג ביים ברעג פון טייך, באוואונדער
שטיל אין הארצען איצט נאָטס וועלט.

# נשמות.

5

עס הערט זיך א גערויש פון ווייט.
דער טייך וואכט אויף מיט שטורעם.
דאָ און דאָרטען וויקעלט אויס
א פּאָאָרעל זיך פון חלום.

## אין נאכט

א מיעדער בין איך צו מיין בעט צוגעפאלען
געגארט נאָך אביסעלע רוה;
איך האָב מיינע אויגען געפּרואווט שטיל פארמאכען
דאָך ווער האָט געזאָגט: ס'איז נאָך פריה.

עס האָבען די אויגען געוואָלט זיך ניט שליסען
דער דמיון געוועבט א געדאנק.
עס איז מיר אָן אומעט באפאלען א בייזער
איינשלאָפען געקאָנט האָב ניט לאנג.

א חלב'ן ליכטעל האָב איך אָנגעצונדען,
א פּען אין דער האנט געכאפּט שווינד;
עס האָבען געדאנקען זיך הערליך געפלאָסען
אין נאכט מיר געבוירען א קינד.

ס'קלאַפּט דאָס האַרץ און זאָגט אין קלעמען:—
האָסט אין עבר אויך א האַנט.

דאָך ווי פרעמד אין מיינע אויגען
איז מיר אַלץ איצט אָט דאָ
— ווען בין איך א דאָ געוועזען
זאָג מיר, עבר ווען און וואו?

כ'האָב דעם זקן'ס בליק באַגעגענט,
פאַר זיך אַליין אַצינד דערשראָקען:
אין איהם האָב איך אַצינד דערזעהן זיך,
זיך אַליין אין איהם דערקענט.
דאָס בין איך אַליין דער זקן
וואָס בין זיך דער צוקונפט פרעמד.

# משה

ס'וויעגט דער ניל איהם איין אין חלום
טראָגט איהם ווייט פון ברעג אוועק;
און דער קלאָהרער בלויער הימעל
קושט אַרויס פון האַרץ זיין שרעק.

ווייכע ווינטען, הימעל־קינדער
הילען איין אין ליכט זיין גוף;
און די זונען־שטראַהלען הייסע,
קושען איין אין איהם גאָט'ס רוף.

„דאָ אין לאַנד פון פּיראַמידען
קרעכצען דיינע ברידער קנעכט;
און פון חושך ברעכען הערצער
צאַנקט ישראל ווי א ליכט.

## דער זקן

אין די צוקונפט־האָריזאָנטען
זעה א זקן איך וואָס שטראהלט:
זיינע אויגען שמייכלען ליעבליך
און פון זיי קיין טרעהר ניט פאלט.

היימיש איז מיר זעהר זיין שמייכעל
און דער אויסזעהען זיינער גאָר,
דאָך צו זאָגען ווער ער איז דאָס
מיר איז שווער, איך קאָן ניט קלאָהר.

„ווילסט דו, זקן ברענגען ׳הין מיך
אין דיין אלטער היים צוריק,
ווייזען מיר פון וואו דו קומסט,
לאָזען פאלען דאָרט מיין בליק?"

פרעג איך שטיל דעם זקן מיינעם
און ער נעהמט מיך ביי דער האנט;
און מיר לאָזען זיך אין עבר
וויט אוועק שטיל זאלבענאנד.

דאָ ווייזט דער זקן מיר און זאָגט —
בין איך געבוירען אין נויט
ז׳לעבען זיך אימער געוואונשען
צ׳ווערען געטראפען פון טויט.

איך קוק זיך ארום איבעראל,
אלץ איז היימיש מיר באקאנט;

און מעגען פיעל אויגען
מיט שפּאָט אויף מיר קוקען,
מוז איך ווי א טויב דאָך זיין שטיל.

און הער איך פיעל וויצען
פון מענשען באקאנטע
וואָס רעגען מיר אויף מיין געמיט;
דארף איך זיך פארבאָרגען
אין קינסטליכען אויסזעהן —
א מאָדעל דארף איך זיין געניט!

א מארמאר־סטאטוע
א מאָדעל פאר יענעם,
אָהן אָטעם, אָהן לעבען, באווייז.
דו טאָרסט זיך ניט ריהרען
דו מוזט זיך געפעלען —
א מאָדעל דאך לעבעדיג ווייז!

דיינע ברידער, מיינע קינדער,
האָבען ווען א גאָט געהאט;
האָבען זיי אין איהם פארגעסען
האָט דער זעלבער זיי פארשפּאט.

דאָ אין גלות זיין פאר'משפּט
האָב איך זיי א לאנגע צייט;
צו דערלייזען מיינע קינדער
רוף איך משה דיך פון ווייט.

משה'ס קעסטעל וויענט צום ברעג זיך,
ברענגט דער וועלט פון וואו א ליכט;
און דאָס ליכט עס דהינגט אין הארצען
טיעף אריין א גאָט־געדיכט.

און עס וואכט דאָס פאָלק ישראל.
משה'ס וואָרט דאָס שטורמיש וועקט
און עס וואנדערט אוים פון גלות
לאָזענדיג נאָך זיך א שרעק.

## דער לעבעדיגער מאָדעל

איך בין ניט קיין מאָדעל
פאר יענעם געבוירען;
איך האָב דערפון קיינמאָל געוואוסט.
עס האָט מיך די נויט בלויז
דער צו בייז געטריבען,
מיין שעהנקייט, אָה מענשען, גענוסט!

איך מוז זיך פארוואנדלען
ז'א מארמאר־סטאטוע
דערשטיקען אין זיך מיין געפיהל;

# דו האָסט מיין ליעבע צוריקגעוויזען

1

דו האָסט, מיין ליעבע, צוריקגעוויזען
די שפּראך פון מיין הארצען געוואָלט ניט פארשטעהן.
איך האָב מיינע קוואלען פאר דיר ברייט געעפענט,
דאָך האָסטו אין וועג מיך געלאָזט אליין געהן.

2

איך האָב זיך פארהילט אין א שווארצען פּרוכת,
א שטעקען א גרויסען גענומען אין האנט,
און האָב מיט מיין צער געלאָזט זיך אויף וועגען
וואָס זיינען מיין הארצען אזוי אומבאקאנט.

3

און האָב איך באגעגענט, א פרעמדען, א וואָגלער,
וואָס האָט אויך פארבלאָנדזשעט ווי איך אויף די וועגען,
האָב איך אויך דעם לעצטען אין וועג אויסגעמיטען
פאר ווערטאָג אויף דיר אויך געקאָנט האָב ניט פרעגען.

4

די נאכט איז, מיין פריינד, בלויז אצינד מיר געוואָרען,
איהר נור אליין בלויז פארטרוי איך מיין שפּראך.
איך קאָן מעהר דעם טאָג שוין אין פּנים ניט קוקען
צי איז ער צו דיר, מיין געליעבטע דען גלייך?

5

דער נעבעל פון נאכט בלויז איז איצט מיין באשיצער,
די וויסטע — דאָס איז מיין גערוימער געצעלט
ווען ס'האָט מיך מיין ליעבע פון זיך אָפּגעשטויסען,
האָב איך שוין פארלוירען מיין גאנצענע וועלט.

# ליעבע.

## צו חלום

כ'בין א בארוועסער געקומען,
שטיל געעפענט האָב דיין טיר.
צו דיין בעטעל צוגעשלייכט זיך
זיך געבויגען איבער דיר.

ס'האָט דיין ברוסט זיך הויך באוואויגען
און מיין שאטען אויף דער וואנט
האָט געציטערט ווי אין פיבער.
קוים באריהרט האָט דיך מיין האנט.

ס'האָט דיין מיידעל־גוף דער הייסער
אָנגעצונדען מיך אין גלוט;
און דיין אָטעם־דופט דער זיסער
אויפגערעגט אין מיר מיין בלוט.

האָבען מיינע ליפען ביידע
איינגעקושט זיך אין דיין מויל;
האָבען דיינע אויגען פרומע
זיך געעפענט מיט א גרויל.

האָסט די זאך ניט קלאָהר פארשטאנען,
זיך געשראקען א מאָמענט;
„נארען מיך ניט מיינע אויגען
זיינען דאָס מיין ליבען'ס הענט?“

—ניין, דיך נארען ניט די אויגען.
ליבע, דאָס בין איך אליין;
וואונדער זיך ניט אויף דעם טרוימער,
ביזט דאָך קלוג דאָס צו פארשטעהן.

און דו האָסט דעם מיין פארשטאנען,
ס'האָט ערוואכט אין דיר דיין ברוסט
האָסט געזעהן מיך בלויז אין חלום
אויפגענומען מיך מיט לוסט.

## שוועסטער

שוועסטער, איך גאר נאָך דיין קומען
מיין הארץ ווערט פון בענקשאפט פארברענט.
אה, אייל זיך און קום שוין געשווינדער,
צינד אָן מיר א ליכט מיט די הענט.

עס וועבט זיך אין דמיון דיין פּנים,
איך זעה דיך וואו איך בין פאראן:
בייטאג אין'ם ליכט פון דער זון,
ביינאכט ווען אין חלום איך שפּאן.

און ווען נאָר איך זעה דיך מיין, שוועסטער,
מיין בענקשאפט זיך הויבט ווי א וואל
וואָס שטורעמט מיין הארץ אויף מיט צאָרען
און רעגט מיין געמיט אויף מיט גאל.

## דיין שטימע

עס האָט מיך דיין שטימע פון שלאָף אויפגעוועקט.
איך בין ווי משוגע ארונטער פון בעט.
איך האב זיך מיט צאָרען אין וועג געלאָזט געהן,
דאָס הארץ,אַה געזוכט, וואָס צו מיר האָט גערעדט!

איך האָב מיט דעם ווינט זיך, געטראָפען א בייזען
געפרעגט איהם צי האָט ער דיך וואו ניט געזעהן
האָט ער מיט א ווילדען געוויכער גענטפערט,—
האָב איך זיך פארמאָסטען מיט איהם מיט געוויין.

איך האָב זיך מיט ווילדען געלוסט געלאָזט לויפען,
מיט שרעק אין דער ווייטקייט אליין דיך געזוכט.
האָב איך אין דער נאכט דיך, אין וועג ניט געטראָפען —
האָב איך מיט דעם מאָרגען אליין זיך פארפלוכט.

1

מענגסט אין שלייערען פיעל זיך פארהילען
דיין פנים פאר מיר פארבאָרגען,
וועל איך דיך מיט דורשט אויפזוכען
אויב ניט אין „היינט" איז אין „מאָרגען".

2

איך וועל אין וועג זיך לאָזען
אזוי ווי איך געה,
דיין פנים בייז אויפזוכען
מיט אנגסט און מיט וועה.

און וועל איך דיך טרעפען
דיין שאָטען נור זעהן,
וועל איך אזש פאר פרייד זיך
פארגעהן אין געוויין.

3

וויס, מיין הארץ איז פול מיט שלאנגען,
כ'בין ניט אזא גוטער ווי דו מיינסט;
ווערסט דו זיך אין וועג מיר שטעלען,
וועל איך דיך פארטרייבען פון מיר דרייסט.

4

לאן הויך מיט דיין זיסען געלעכטער,
פיל מיין הארץ מיר אָן מיט פרייד.
זעה, עס נעהט די זון באלד אונטער,
טרייב פון מיר אוועק מיין לייד.

## צו דער חופּה

טו דיר אָן דיין כלה־קלײדעל
מיט א שעהנעם בלומען־קראנץ,
צו דער חופּה קום מיט פריידען
קום עס רופט דער לעבענס־טאנץ.

שייד זיך מיט די מײדעל־יאָהרען
ניט באוויין זיי, קינד, איך בעט.
וואָס דער נעכטען האָט געבוירען
אין דעם מאָרגען שטיל פארגעהט.

זעה, עס צינדען זיך די שטערען,
שטיל דער אווענט קומט צו געהן;
צו דער חופּה קום א שטאָלצע
קום, עס מוז דאָך ווען געשעהן.

## אין דיין ליבער׳ס הענט

בײנאכט. אין שטוב איז טונקעל.
שא שטיל, אלץ איצט שלאָפט;
זעהסט ניט קיינעם, דאָך עס דוכט דיר:
עמיץ ווּאו דיך רופט.

מאכסט די אויגען אויף פאר׳חלום׳ט,
ווארפסט זיך דורך אין בעט;
שטיל א שאָטען פאר די אויגען
געהט פארביי און רעדט.

הערסט זיך איין דאָס קול איז היימיש
ס׳פנים אויך ניט פרעמד;
ווארפסט זיך ווידער דורך אין בעטעל
אין דיין ליבער׳ס הענט.

1

וויים, איך בין א וואָגלער
לויט דעם גורל פון מיין פאָלק,
און ביזט דו מיר געפעלען
אזוי ווי דו ביזט,
מוזט דו דיין הארץ מיר שענקען,
יא, געליעבטע, מוזט.

2

שפּרייט פאַנאַנדער דיינע ארעם
דיינע אויגען ברייט מאך אויף;
רוף מיך, וועל איך צו דיר קומען
אין דיין פּאלאץ הויך ארויף.

3

פארשוועך ניט די ליבע
מיט ווערטער, איך בעט דיך.
ניט שטער איהר, איהר אייגענעם גאנג;
די אויגען זיי ריידען,
דאָך שעהנער און בעסער
מיין ביטערע, ביטערע שלאנג.

4

הער זיך איין אין הארץ וואָס קלאפּט
פארשטעה זיין גאל־פארלאנג;
טיב זיך נאָך, ניט שטוים דאָס אָפּ,
עס וועט דיר ניט טאָן באנק.

און אויב יא, מאכט אויך ניט אויס,
דו שטעלסט דאָך גאר ניט איין.
ביזט דו יונג און קרעפטען־רייך —
געניס פון בעסטען וויין.

5

שטעל אָן דיין קוואל פון מויל דעם זיסען,
לאָז צו זאט דיין וויין מיך טרינקען
כ'וועל צוריק פון אייגען־קוואל דיר געבען
ביידע וועלען מיר היים טרינקען.

מיר וועלען די אויגען פארמאכען
אויסמיידען דעם גאנצען ארום,
אין אלץ וועלען מיר זיך פארגעסען
פון לעבען געניסען בלויז שטום.

6

וויים, דיין אויגען־געלעכטער
מאכט מיין זין מיך פארלירען,
ז'מעגסטו צו שפּאָט מיך מאכען,
וועל איך קומען, ניט אויפהערען.

כ'וועל ווי א הונט דיר נאָכפּאָלגען
אליין אין וועג ניט לאָזען געהן;
צווינגען וועל איך דיינע בליקען
מיך אליין אין וועג בלויז זעהן.

צו —

כ'וויים, ביזט רייך אין פעהלערען, מיין טייערע.
דיינע מעלות זיינען אויך ניט קליין
און מיין הארץ ליבט דיך מיט גרויסען פייער
ווי די זון ביזט דו דאָך, ליבער, שעהן!

דיינע אויגען ברענען ווי די זונען,
טונקלען זיך ניט אין דער גרוי פון נאכט;
ביזט מיט האָניג רייכער ווי די ביהנען,
ביזט פאר מיר אן אייביגקייט וואָס לייכט.

ביזט דער שיר השירים פון מיין לעבען
די קרוין פון אלץ וואָס איך פארמאָג;
דער אָנהויב און די ענד פון מיין שטרעבען
מיין איינציג־שעהנער ליכטיגער טאָג.

# צום לעבען

אין דעם טוי פון מאָרגען־לאנד
האָט מיין ליעבע זיך געבאָדען.
אין דעם אויר פון דעם הימעל
איהרע האָאָר זיך אויסגעצוואגען.

און א זויבערע א שטילע
מיט דעם אווענט־שטיל געקומען,
מיט די הענט אלבאסטער־ווייסע
האט זי מיך ארומגענומען.

איהר גן־עדן־הויך דער זיסער
האָט מיין מוח מיר פאר'שיכור'ט:
אין די ארעם איהרע יונגע
האָט זי פרום מיך אָנגע'שיכור'ט —

שטיל איז די נאכט. גרויס איז איהר סוד.
די ליעבע אן עהרליכער שטורם
קינדער זיינ' מיר, טרוימער זיינ' מיר
פון לעבען דער איינציגער חלום.

אין דעם חלום־לאנד פון לעבען
איז א גרינער טאָל פאראנען
וואו א פייער־זון א גרויסע
טוט דאָרט עלענד ארומשפאנען.

אין דעם גרינעם טאָל דעם יונגען,
וואו עס וואכט דער יונגער פריהלינג,
ווארט דער לעבען אויך א יונגער
אויף אונזביידען אויף א צווילינג.

5

ווייס, איך האָב געלעבט שוין
מיט פרויען פיעל פארקעהרט,
כ'בין אליין געגאנגען;
דאָס לעבען ניט פארוועהרט.

איך האָב אויך געליבט שוין
מיט גלוטיגען פייער,
דערפאר ביזט דו לעבען,
מיר טויזענט מאָל טייערער.

עס האָט זיך אין הארצען
די ליבע פארבאָרגען,
דאָס בעסטע פארבליבען
פאר דיר איז מיין מאָרגען.

און ווילסט דו געניסט דו;
ס'איז דא פאר דיר גענוג:
איך האָב דאָך דאָס ג'האלטען
פאר דיר אליין, מיין גליק.

## ווייס —

ווייס, איך קאָן שוין מעהר ניט דולדען
מיינע ליידען זיינען גרויס
ס'האָט אין הארץ געפלאצט א סטרונע
רוף מיך, קינד, צו דיר ארויס.

רוף ווי פריהער, וועל איך קומען.
טרינקען פון דיין זיסען קוואל,
זיך מיט נייעם מוט אָננעמען
און פארזיסען שטיל מיין גאל.

# מיט דיר אליין אין נאכט

כ'בין אין בענקען אוועק צו דיר,
שעהנע טויב ליעבע מיינע,
שטיל אין דער נאכט האָב איך די טיר
ברייט געעפענט דיינע.

האָסט, רויז, מיט פרייד באגעגענט מיך,
עס האָט מיין קוש פארדרעגענט דיך.

ז'געזאנג פון שעהנער שטערען־נאכט
האָט מיין ליעד הויך געקלונגען.
עס האָט דיין ליעבעס־טוי באפייכט
דאָס הארץ וואָס האָט געזונגען.

דער זייד־געפלעכט פון דיינע האָאָר
האָט מיין פנים שעהן פארהילט;
איך האָב אין אלץ פארגעסען גאָר
אין דיין אויגען־בליק געציעלט.

כ'האָב אין ים פון דיינע אויגען
זיך געבאָדען אָהן א שיעור;
„ווירקליכקייט" איז וואו פארפלויגען,
מיך אליין געלאָזט מיט דיר.

בלויער הימעל, לבנה־גלאנץ,
שטילע ליעבע שעהנע נאכט;
האָבען אונז א שטערען־קראנץ
אויסגעפלעכט אין טרוימען־נאכט.

אין נאכט געבענשט האָט גאָט אליין,
ביידען אונז מיט פרייד־געזאנג,

פויגעל־לידער באר־געזאנגען
וועלען גריסען אונז מיט שטורם
קום, געליעבטע, לאמירביידע
וואנדערען אוועק אין חלום.

אין די הימעל־האריזאָנטען
פון דעם חלום־לאנד, פון לעבען,
וועל איך דיר, מיין שעהנע מיידעל,
זיך אליין אין גאנצען געבען.

ז'דו, מיין רויז, דו שיר השירים
פון די טרוימען אלע מיינע,
וועסט דאָך זיך אויך מיר אָפּגעבען,
שווערען דאָרט מיר: איך בין דיינע.

די שבועה, דער הייליגער עדות,
וועט קושען אונז ביידען צוזאמען;
מיט זיכערע טריט און ליעבע,
וועלען אין לעבען מיר שפאנען.

דאָס לעבען א וויין איז א זיסער,
קום טרינקען צו זאט פון דעם וויין,
די זון וועט דאָך אייביג ניט לייכטען
פארגעהן וועט אמאָל אונזער זיין.

## איך וועל —

איך וועל גרויזאמער זיין פון דעם ווינט אין דער צוקונפט
פארשוויינען וועל איך ניט קיין איינציגע זאך, —
מיט צאָרען וועל איך דיר פאר אלץ דאן באצאָהלען
פאר גוטע און שלעכטע געפיהלען צו גלייך.

דער חזן, די זילבער־לבנה,
האָט אין נאכט אונז מקדיש געווען;
געבענשט פון דער לבנה, ליעבע,
איז מאן און ווייב פון אונז געשעהן.

אלין האָט אונז אין דער נאכט געגריסט
שטיל ג'געבען אונז זיין ברכה
לעבען האָט מיט ווינט געגריסט:
מיט געזונט און מיט הצלחה!

אונז'רע אויגען האָבען געפיבערט
אין לבנה־שטערען־גלאַנץ
ווייסט דו פרעגעןביידענ'ס אויגען —
וואָס עס מיינט דער לעבענס טאַנץ?

דער דמיון אבער שטיל, ער שווייגט.
ער גארט נאָך עפּעס גרעסערס
פון גענוס שטארק איצט פאר'צווייגט
פעהלט איהם מעהר ניט קיין בעסערס.

אין געזאנג פון ריינער ליעבע
זיינען מיר צום בעט פון גראז, אוועק;
דער גאָט פון ליעבע האָט דאָס אונז
אצינד דערפיהרט צו אונזער צוועק.

און פארוויעגט האָט אונז ד'זיסע נאכט
אין דרימעל פון גענוס.
לבנה האָט אונז שטיל באוואכט
אליין געוואוסט פארוואָס.

וואָס איז שטיל אין האַרצען געשעהן
יונגענד איז אוועק איהר גאַנג.

הערצער האָבען זיך הויך באַוועגט,
וואָס האָט אונז וואו געצווינגען.
הערצער האָבען זיך ווילד גערעגט
אין קושען־טאַנץ פון אויגען.

כ'האָב אין בענקען זיך געטוליעט
אין דיין וואַרים, מיידעל־שוים,
האָסט מיט ליעבע צוריק געטוליעט.
מיין געליעבטע שעהנע רויז.

אין שווייגען מיט ליעבע ג'וואַרימט
האָבען מיר שטיל זיך א פּראַכט
מיט געטליכער ליעבע ג'אָרמט
אוועק צו דער חופּה ז'נאַכט.

ד'שטאַנגען פון חופּה, די בוימער
זיינען געוועזען שוין גרייט;
צום הימעל געקוקט מיט צויבער
געשעפּטשעט: ס'איז נאָך ניט שפּעט.

דער צורעק, דער הימעל פון אויבען,
האָט זיך געשטערענט מיט חן;
דער עטהער פון אויבען געברומט האָט —
חתן־כלה זיינען שעהן!

אונטער דער חופּה געשטאַנען
זיינען מירביידע פּאַרקושט
אַלעס וואָס איז נאָר פאַראַנען
האָט אונז אין גרוסען געקושט.

## קום הער.—

קום הער, מיין שטאָלץ מיין פרייד
מיין אויג־עפּעל מיין שיין;
עס דורשט דאָס הארץ אין לייד
נאָך דיר, געליעבטער מיין.

איך גאר דיין מילדען בליק
דיין אויגען־שיין פול ליכט.
קום הער, אָ קום מיין גליק.
וואך אויף מיין הארץ־געדיכט!

עס ציהט מיך אין דיין שויס,
עס בענקט זיך מיר נאָך רוה;
מאך אויף דיין הארץ אָה רויז
עס שלאָגט דאָך שוין די שעה.

די שעה פון פרייד זי שלאָגט
דאָך גרוים איז נאָך דער וועה.
צי דען נאָך מיר זיך יאָגט
די נאכט ניט ליבער, זעה?

עס גארט מיין מידער קאָפּ
צו רוהען אויף דיין ברוסט;
פאל, ליכט, צו מיר אראפּ
קום הער אויף גיך, מיין לוסט.

קום הער, מיין שטאָלץ מיין פרייד,
מיין אויג־עפּעל מיין שיין;
עס דורשט דאָס הארץ אין לייד
נאָך דיר, געליעבטער מיין.

## האָסט געזעהן. —

האָסט געזעהן א יונגע מיידעל,
ס'האָט איהר בליק דיין אויג פארבלענדט;
האָסט דיין קאָפּ פאר איהר געבויגעֹן,
דיך באַזיעגט האָט דער מאָמענט.

אויף די קניה ביזט דו געפאלען
פאר דיין געטין עהרליך־שעהן,
האסט פאר איהר געזונגען תפילות
איהר געמאכט דיין הארץ פארשטעהן.

און די יונגע מיידעל דיינע,
האָט זיך צוגעהערט צו דיר;
ס'האָט דיין ווּאָרט בארוישט איהר וועזען,
אָנגעקלאפּט אין הארץ ביי איהר.

ס'איז אן אומעט אייך באפאלען
ביידע האָט איהר וואָס געגארט,
ווען די נאכט איז צוגעפאלען
האָט איהר זיך געשפּיעלט פארשארט.

און די נאכט האָט זיך געצויגען
מיט א זיסען ניגון שטיל;
קיינער האָט געוואגט ניט שטערע־
גרייכען אייך אייער ליעבעס־ציעל.

## וויקעל אוים זיך

וויקעל אוים זיך, קינד, פון חלום
מאך די אויגען דיינע אויף;
וואש אין טוי דיר אוים דיין פּנים
קום אין דער הויך צו מיר ארויף.

זעה, איך ווארט עֹאָך פון באגינען
ווי א הונט ביי זיך אין טיר
וויקעל, קינד, זיך אוים פון חלום
קום אין דער הויך ארויף צו מיר.

## קינד פון מיין געדאנק

קינד פון מיין געדאנק, נעהם פון מיר מיין פרייד און פיין,
ווייל דו ביזט די איינע בלום. די געליעבטע מיין.

ליעב דארף דיר מיין שמייכעל זיין, מיין פרייד גאָר טייער
ווייל עס ליעבט מיין זעעלע דיך מיט שטארקען פייער.

ביזט מיין טאָג, דאָס גרויסע ליכט אין וועג פון לעבען,
דו אליין בלויז טוסט מיר שיינען אין מיין שטרעבען.

איין גרויסען קוואל האָט ווער פאר אונזביידען געגרייט
אוןביידע פון איהם צו טרינקען דארף זיין א פרייד.

קום זשע, געליעבטע, דו רייך פון מיין פאנטאזיע;
ציה דיינע הארפען־סטרונעס אָן, און שפיעל אונז צו.

ווייל דאס לעבען איז א דראמע, די שפיעלער, מיר;
לאָמיר טריי ד׳דראמע שפיעלען, שפיעלען אָהן א שיעור.

## איך, דער נאר פון אלע נארען

I

דו האָסט מיין ליעבע צוריקגעוויזען
און איך דער נאר פון אלע נארען,
בין אין דיר נאָך אלץ פארליעבט.

האָסט מיינע געפיהלען, די גוטע געפיהלען
באשפיגען מיט גאל, מייך פארשטויסען פון דיר
און איך דער נאר פון אלע נארען
בין קינד נאָך אלץ פארליעבט אין דיר.

## די שעה

עס קלאפט מיין הארץ מיט שטורעם
די אויגען קוקען ווייט;
קינד פון מיין געדאנק,
איך ווארט אויף דיר א צייט!

עס בלאָנדזשען מיינע בליקען
ווי א טרוים אין דער נאכט;
דאָס קינד פון מיין געדאנק
שטעהט פון ווייט וואו און לאכט.

קינד פון מיין געדאנק
איך בעט ניט לאך פון מיר
עס שלאָגט דאָך שוין די שעה
וואָס בינדט מיך צו צו דיר.

## וויעגט א רויז —

וויעגט א רויז א זון א פראכט
הין און הער זיך אין פעלד;
וויספערט וואו אין מאָרגען־נאכט
א פויגעלע און טרעלט.

שאָטען׳ט זיך א ליכטעלע
אין שטילען נאכט־פארגעהן
צינדט אין הארץ א פייערל
זיך אָן אין טאָג־געשעהן.

צינדט זיך אָן א פייערעל,
פלאקערט ז׳מיר אויף א פרייד;
ווילט זיך צו מיין ליעבער געהן
זאָגט מיר ווער: ס׳איז שוין שפעט!

## בענקט א הארץ. —

בענקט א הארץ נאָך מיר פון ווייטען,
געהט אויס נאָך מיין ווארט;
שיק איך איהם פון הארץ א דימענט
אין דעם ווייטען ארט.

טרעפט דער דימענט אין זיין הארצען,
צינדט איהם אָן א פרייד;
„טרייסט, דו ביזט אין צייט געקומען
שיעור געוועזן ניט שפעט".

פאלען פערל פון די אויגען,
ווארימען א טרייסט:
קומען וועלען גוטע צייטען
גאָט אליין ווען ווייסט.

און מיר וועלען נאָך אין צווייען
תפילה'ן איין געבעט;
פוינעל וועלען זינגען לידער
קיינמאָל איז ניט שפעט.

## זאָג צי זאָל איך קריעה רייסען

1

זאָג צי זאָל איך קריעה רייסען
איבינ שיידען זיך מיט דיר;
זאָל איך זיך מיט איש באדעקען
ווינען קלאָגען אָהן א שיער?

זאָל איך מיט דער נאכט פארקעהרע.
זיך ניט טרעפען מיט דעם טאָג;

איך ווייס ניט פארוואָס, וואָס ציהט מיך צו דיר?
צי האָט ניט פאר׳סם׳ט ווער מיין וויל,
איך געה וואו שפאצירען, איך ווייס ניט פארוואָס
דער וועג דאָך מיך פיהרט צו דיר שטיל.

2

באנינען ווען ס׳וואכט דער מאָרגען
ווארפט מיך וואָס ארויס פון בעט
יעדער שלאָפט נאָך, איך אליין נור
געה ארום מיט זיך און רעד;

איך טראכט פון דיר, פון אונזער צוקונפט.
קיינער צווינגט מיך ניט דערצו,
ביזט דער שאטען פון מיין חלום,
וואָס צושטערסט מיר קינד מיין רוה.

## ביידענס הערצער —

ביידענ׳ס הערצער קלאפּען אָהן אן אויפהער,
ביידען ציהט אונז ערגעץ וו׳הין.
אויסמיידענדיג טרעפען מיר זיך דאָ און דאָרטען
ביידע קאָנען מיר ניט רוהען.

ביינאכט ווען אלץ רוהט אין דרימעל,
טראכטען שטיל מיר איין געדאנק;
עס קאָן דער שלאָף פון אונז ניט רויבען
דאָס וואָס ביידע גארען לאנג.

און שלאָפען מיר איין שוין אזוי ווי געהעריג,
גארניט טוט דוכט זיך געשעהן;
אין חלום דאָך ריידען מיר שטיל זיך פאנאנדער
אין לעבען אין צווייען מיר געהען.

# געדענקסט?

איך געה אין פארק און קוק פארנאפט
די בוימער דוכט מיר
פרעגען וואָס מיך שטיל:
געדענקסט?

עס רוישט דער טייך
א שטיל־געזאנג
אין דמיון וואכט
א קלאָהר געראנק —

א בענקשאפט שלאָגט פון הארץ ארוים.

דאָ אין פארק ביי'ם ברעג פון וואלד
געדענקסט צווישען טאָג און נאכט
א רויז האָסט אָפגעריסען ווילד
געדענקסט?

געדענקסט צום הארץ האָסט דו געפרעסט
מיט ווילדען גלוסט
די יונגע רויז
געדענקסט דו, קינד, געדענקסט?

אין שאָטען פון דער נאכט
פארהילט האָסט דיין געזיכט;
דיין הארץ האָט ווילד געלאכט
אין שטילען נאכט־געדיכט.

געדענקסט, דו שפרייזט אין וועג,
דו ווייסט ניט וואו דו געהסט

זאָל איך זיך א קבר מאכען
זאָג מיר, ליעבע איך בעט דיך, זאָג!

זאָג: צי זאָל איך געהן אין מדבר
שלאָגען זיך על־חטא אליין;
צי זאָל איך גאָר דער וועלט אין ווערטער
לאָזען הערען מיין געוויין?

זאָל איך זיך אין שווארץ פארהילען
א שטעקען נעהמען אין דער האנט
און אין וועג אליין זיך לאָזען
ווי דער היישעריק אין לאנד?

זאָל איך מיט דעם ווינט פארמעסטען
זיך מיט צאָרען אין זיין וועג
און דיך זוכען אויף די וועגען
זאָג, געליעבטע, דיר איך פרעג!

2

איך וועל מיט דעם ווינט זיך פארמעסטען
מיט צאָרען זיך יאָגען נאָך דיר
און מיענסט דו מיט גאל מיך פארשטויסען;
אין הארץ וועסט דו בלייבען ביי מיר.

איך וועל דיך פארבאָרגען דאָרט האלטען
אזוי ווי א קינד אין דעם בויך;
מיט מאמע־געפיהלען דיך לאסטשען
א שלאף־ליעד דיר זינגען אָפט אויך.

און וועסט דו ערוואכען מיט שטורעם
מיט צאָרען אנטלויפען פון מיר;
וועל איך אין דיר קיינמאָל פארגעסען,
זיך שפיגלען מיט וועהטאָג אין דיר.

# אין מאָרגען-ליכט

עס צינדט זיך דער מזרח אין מאָרגען־ליכט אין דער טאָג
עגטשטעהט
מיט דעם זונען־אויפגאנג, ליעבע, דיין געליעבטער צו דיר
געהט.
מיינע טוי־געוואש׳נע אויגען, גארען מיין געליעבטער׳ס
בליק
און אין הארצען וואכען ליעדער, וואכען ליעדער פאר מיין
גליק. —

כ׳האָב אין טיר זיך אנגעשלאָגען, פון מיין ליעבער,
ליעבער רויז;
מיט דעם פייער פון מיין יוגענד זיך געקלאמערט אין איהר
שויס.

דעם סוד פון ליעבע אויסגע׳שיכור׳ט, האָב איך פון מיין
ליעבער׳ס ברוסט
און דעם וויין פון יוגענד האָב איך זיך אין הארץ
אריינגעגלוסט

האָט מיין ליעבע צוריק געקלאמערט אין מיין הארצען זיך
מיט לוסט;
האָב איך איהר דעם וויין געגעבען פון מיין אייגען יונגער
ברוסט.
איז דער סוד פון נאכט געקומען מיט דעם דופט פון יענער
וועלט
האָב איך מיט מיין רויז געצוויגען, וואו אוועק אין פרעמדער
וועלט.

די ליעבע פיהרט דיך בלינד
דאָך געהסט דו פעסט און געהסט.

דו געהסט און פיהלסט
דעם רויזען־דופט
פון פרילינגס גוטער נאכט;
עס ציהט דיך וואו
דאָס לעבען רופט
אין וועג געהסטו פארגאפט!

## בויגסט אוועק דיין פּנים

בויגסט אוועק דיין פּנים
ווילסט אויף מיר ניט קוקען
לאָז איך מיין געפיהל, אָה,
שטיל אין זיך דערשטיקען.

צינדט זיך אָן א פייער
אין מיין הארץ דעם ברייטען;
לאָז איך מיינע ארעם
זיך אין ווייט פארשפרייטען.

מערק איך וואו א שאָטען,
דוכט מיר דאָס איז דיינער;
יאָג איך זיך מיט צאָרען
נאָך געליעבטער מיינער.

# מיינע מיידלעך

1

מיינע מיידלעך זיינען בלומען
פון דעם לאַנד פון הערבסט גענומען;
זייערע באַקען בלייך־געפאַרבטע
און די הערצער שטיל־גענאַרטע.

מיינע מיידלעך זיינען בלומען!

מיט דעם פריהען אָווענט־שטערן
קומען מיינע מיידלעך גערן
צו מיין פענסטער שטיל־באַוואַכטע
פון דעם לעבען אויסגעלאַכטע.

און מיט תפלה'דיגע בליקען
פון דער ווייטען צו מיר שיקען
זיי די קושען זייערע טריעבע;
וואָס פאַר'סם'ען מיר מיין ליעבע.

מיינע מיידלעך זיינען בלומען.

2

קלאַפּט א מיידעל אָן אין טיר מיר.
—בראַנשטיין אַלע וואַרטען אויף דיר;
קום אין גאַס אַרויס שוין, טרוימער,
פון דער נאַכט ניט זיין קיין שומר.

קלאַפּט א מיידעל אָן אין טיר מיר.

עפען איך די טיר מיט שטורעם
שייד זיך מיט דעם בעסטען חלום.

## בלומען

דאָס זיינען די עדות פון ליעבע
דעם גרויסען זין פון לעבען;
די פריידען־בעכער פון דער יוגענד
פון וואהנזיניגען שטרעבען.

די בלומען זיי וועלען פארטריק׳נען
בלייבען פון זיי וועט קיין שפור;
די ליעבע דאָך לענגער וועט דוי׳רען
ביז גרוי וועלען ווערען די האָאר.

## ס׳האָט גענארט מיך שטיל מיין מיידעל

ס׳האָט גענארט מיך שטיל מיין מיידעל
מיך געפיהרט א לאנגע צייט
כ׳האָב אין דמיון זיך געטראגען
אין דעם לאנד פון צוקונפט ווייט.

אין דעם לאנד פון צוקונפט האָב איך
אויסגעבויעט זיך א נעסט;
האָט מיין מיידעל מיך פארלאָזען
בין געבליבען אָהן א טרייסט.

## מעגסט אין מאָרגען ווייט אוועקגעהן

מעגסט אין מאָרגען ווייט אוועקגעהן,
עלענד לאָזען מיך אליין;
וועל איך ליבען דיך מיט פייער
נאָך דיין אויגענבליק אויסגעהן.

אויף די וועגען וועל איך זוכען
פון דיינע פיס די טריט;
ס׳וועט דיין שאָטען מיך פארפאָלגען
אויף א יעדען, יעדען שריט.

## כ׳האָב אין מיידלאך דריי פארליעבט זיך

כ׳האָב אין מיידלאך דריי פארליבט זיך,
און עס ציהט צו זיי און ציהט מיך.
אלע זיינען שעהנע קינדער
און זיי שעצען מיך א וואונדער.

כ׳האָב אין מיידלאך דריי פארליבט זיך.

איינע האָט צוויי אויגען בלויע
און א צווייטע, גרויסע גרויע;
אלע זיינען גוטע טויבען
טוען מיך אין הימעל לויבען.

גוטע הערצער, מילדע בליקען,
זאָגען אלע מיר צו גליקען.
דאך עס פעהלט די אמת־איינע
צווישען אלע דריי די שעהנע.

כ׳האָב אין מיידלאך דריי פארליעבט זיך.

## כ׳האָב א בייזען איהם געטראָפען

כ׳האָב א בייזען איהם געטראָפען,
ניט גערעדט מיט איהם קיין וואָרט;
ביידען איין געפיהל פאראייניגט
האָט אונז אין איין צייט און ארט.

ביידענ׳ס אויגען שטיל געפייערט,
האָבען צאָרענדיג און בייז;
שווער איז זיך, געליעבטע, שיידען
ווי־ער זעהן זיך איז קיין טרייסט.

קומען מיידלאך מיר אנטקעגען
און פארפיהרען מיך אויף וועגען

וואס מיין פוס האט ניט באטראטען
און פון אלין זיי טוען שפאטען
געהן מיר אין וועג דעם לאנגען,
און אין הארץ עס נאגט א באנגען.

קלאפט א מיידעל אן אין טיר מיר.

3

שפעט אין נאכט בין איך געקומען
מיט א בייזען בליק א שטומען.
כ'האב א גלעזעל אנגעגאסען,
אוןביים טרינקען הויך געגאסען.

שפעט אין נאכט בין איך געקומען.

אויף די טאוולען פון מיין הארצען
האב איך אויסגעקריצט א שווארצען
פאס. א לאנגען אלס א צייכען
פון א גרויסען אווענט-בלייכען

וואס די מיידלאך מיינע האבען
אויפגעגעסען ווי די ראבען
און איך האב מיט בלוט פארשריבען
וואס פון אווענט איז געבליבען,

שפעט אין נאכט בין איך געקומען.

## קינד

קינד, הויב אויף דיין קאָפּ, דיין שטאָלצען,
פלעכט פאנאנדער דיינע האָאר;
אין די אויגען, טיעף פארבענקטע —
דיינע, לאָז מיך קוקען קלאָהר.

לאָז דעם טרוימער, זיך אויסבארען,
אין דיין שווארצען אויגען־בליק.
לאָז איהם, וועט ער, דיר באצאָהלען,
מיט דיין לאנג געגארטען גליק.

## אונערווארטעט.

אונערווארטעט וועל איך קומען,
ווי דער דונער פאר דעם רעגען;
וועל איך דיך אין שטוב ניט טרעפען,
וועל איך קיינעם אויף דיר פרעגען.

נור אליין, וועל איך זיך לאָזען,
אויף די וועגען אומבאקאנטע;
מיט די אויגען, מיינע וועל איך,
דיך אויפזוכען הארץ־באקאנטע.

2

אונערווארטעט וועל איך קומען,
ווי דער אויסברוך פון א שטורעם;
וועסט ניט גלויבען דיינע אויגען
דענקען דאָס איז בלויז א חלום.

אין שווייגען וועל איך דאן פארזינקען,
ניט ריידען מיט דיר וועל קיין וואָרט;
די אויגען, דאָס הארץ מיינס וועט ריידען,
אזוי רעדט די ליעבע דאָך פארט!

## כ'האָב א מיידעלע א קליינע

כ'האָב א מיידעלע א קליינע
מיט צוויי אויגען שווארצע שעהנע.
און זי ליעבט מיט הייסען פייער
שעצט מיך הויך און האלט מיך טייער.

כ'האָב א מיידעלע א קליינע!

געה איך מיר מיט איהר שפּאצירען,
טוט דער וועג אין וואלד אונז פיהרען
און דער וואלד ער נעהמט אונזביידען
אויף און לאָזט זיך אונז ניט שיידען.

קושען מיר זיך איין אין איינעם,
טרוימען ביידע פון א שעהנעם
מאָרגען וואָס וועט צו אונז קומען;
און אין לאַנד פון גליק פארנומען.

כ'האָב א מיידעלע א קליינע.

## און האָב איך די קוואלען גענפּעגט

און האָב איך די קוואלען געעפּענט,
דיר טרינקען געגעבען צו זאַט;
האָסט דו זיך צו זאַט אָנגעטרונקען
און דאַן מיך איינגאנצען פארשפּאַט.

בין איך מיט מיין צער פארבליבען
געוואָרט א דערלייזונג פון וואו;
האָסט דו זיך אין חלום באוויזען
געשטערט מיר אין שלאָף אויף מיין רוה.

## מיין בענקשאפט

מיין בענקשאפט.
דער זיסער וועה פון מיין הארצען,
די הארפען־מעלאָדיע פון מיין נשמה
איז א קינד פון טרוימען־לאנד
וואָס איז מיט מיר אין וועלט געקומען
שטיל און עהרליך זאלבאנאנד.

1

שעהן, עהרליך־שעהן איז מיין בענקשאפט;
די טרייסט פון מיין זיין.
זיס, הארציג־זיס און גוט איז מיין בענקשאפט,
די געליבטע מיין.

פליגעל, שניי־ווייסע פליגעל מיין בענקשאפט פארמאָגט;
דער רוהם פון מיין וועלט.
די פליגעל זיי טראגען מיך הויך אין די הימלען
אוועק, ביז גאָט'ס געצעלט.

אויגען, זונען־אויגען צוויי, מיין בענקשאפט פארמאָגט
וואָס לייכטען מיט פייער אין וועג;
די אויגען זיי פיהרען, מיין שיקזאל דעם גרויסען,
אין גלייכען, קרומען, זונען־וועג.

קומען טריעבע באנגע שטונדען
פול מיט צער נאכטיג־שווארץ;
וואכט מיין בענקשאפט אין זכרון
וואכט א ליעד אויף אין מיין הארץ.

# פאלענדע בלעטער.

אזוי צערטעלט מיך מיין בענקשאפט,
הילט אין טרוים מיך איין;
אין דעם טרוימען־לאנד פון בענקשאפט,
ווילט זיך אייביג, אייביג זיין.

3

געה איך אין דער נאכטיגקייט
אן ענטווישטער זיך ארום,
וויקעלט מיין בענקשאפט פון דמיון זיך אויס
רופט מיך הויך: — מיט מיר קום!

וויקלען פאנאראמען,
זיך שעהן פאר מיר אויס;
געה איך דאָרט שפאצירען
מיט מיין בענקשאפט גרויס.

טוישען זיך זון און לבנה־שטראהלען,
פארליכטיג־זיסען מיר מיין צייט:
הילכען כאר־געזאנגען אָפּ
אין מיין אויער פון ווייטער ווייט.

ליכטיגט זיך מיין ליעבע
אין הויך א שעהנע פרייד;
ווערט צונישט מיין באנגען,
שווינדט אוועק מיין לייד.

4

„—טרויער ניט נאר,
קום זעה דיין פארמאָג,
זאָגט מיר מיין בענקשאפט
אין געהן פון טאָג.

זיס, טרויעריג־זיס קלינגט איהר טרייסט וואָרט,
טרעלט מעלאָדיש מיר אין אויער.
בלויז דעם לעבען׳ס שיר, אליין נור,
טרעלט מעלאָדיש ׳זוי אין אויער.

2

גליקט מיר ניט מיין ליעבע אין׳ם אווענט־שטיל
און א וועה־מוט מעלאָדיע וויגט אין נאכט מיך איין,
וואכט מיין בענקשאפט אויף מיט שטורעם,
קושט אין חלום־לאנד מיך איין.

אין חלום זעה איך א גן־עדן,
וואָס שטערענט זיך מיט חן;
אין גן עדן וואקסען בלומען:
וואקסט מיין ליעבע אויך שעהן.

שעהן איז מיין ליעבע; דער ציערונג פון עדן,
וואָס מיין בענקשאפט מאָהלט מיר אויס.
און מיין הארץ באנעהרט צו שטארקעם;
שטארק מיט פייער נאָך געגוס.

ציגרט מיין בענקשאפט אָן די זונען
און לבנה שטערען־ליכט,
טו איך זיך אליין געפונען
אין גן עדן׳ם שטיל־געדיכט.

נעהנטער איך זיך צו מיין ליעבע,
שיכור׳ן מיר זאלבענאנד;
פון די אייגען־קוואלעןביידע,
שיכור׳ן מיר זאלבאנאנד.

איך ווער פון ליכט געפאנגען,
אין פרייד מיט שטורעם איינגעהילט;
צונישט ווערט גלייך מיין באנגען,
איך בין פון נאכט שוין אויסגעהילט.

7

מיט דער מאָרגען־זון קומט צו מיר מיין בענקשאפט
א פון טוי אויסגעוואשענע, א ריינע;
קושט פון בעט מיך אויס א וואונדער
טראָגט אין מאָרגען־לאנד מיך אוועק א שעהנע.

אין שפיגעל־ברען פון מאָרגען־זון
קניה איך שטיל אויסגעצוואגען;
פאר דעם גאָט פון מיינע אבות
טו איך מיינע תפלות זאָגען.

און עס לייטערען זיך הארץ און תפלות הייליג
דעם לעבענס שיר ווערט גוט צו הערען,
וואכט מיין בענקשאפט אין זכרון
ווילט זיך תפלה׳ן, ניט אויפהערען.

8

בייטאָג איז מיין בענקשאפט א זשומענדע ביהן
וואָס זיס׳ט דעם האָניג פון מיין זיין;
ליעבע לאָמירביידע קניהען
פאר דער ליעבער בענקשאפט מיין.

און עס וואכט מיין בענקשאפט
היט, דעם אונשולד מיינעם, שעהן,
אין דעם טאָג פון לעבען בענקשאפט,
ווילט זיך אימער מיט דיר געהן.

און עס כאפט מיך אויף מיין בענקשאפט
טראגט מיך הויך אין ווייט אוועק,
טרעפען מיר דאָרט אָן דעם אָדלער
פליהט ער פון אונז אָפּ א שרעק.

5

מיין וועג איז ניט געמאָסטען
איך ווייס ניט וו'הין צו געהן,
ווינקען האָריזאָנטען ווייטע,
צאָרען איך און וויין.

„—ניט זאָרג, טרייסט מיך מיין בענקשאפט,
אן ערדישער גן עדן היילינגט זיך אויס,
זעה איך דאָס לעבען א יונגען דאָרט וואכען;
איז מיין פרייד צו קיינעמס גרויס.

טרעלט דעם לעבענס מעלאָדיע
פריידיג מיר אין הארץ אריין;
ווער איך פון איהם גלייך באצוואונגען
הער זיך אין זיין ליעד גוט איין.

6

שווארץ, חושך איז די נאכט,
ניט צו זעהן קיין שטערען־ליכט.
בלאָזט א בייזער ווינט מיט צאָרען;
לעשט זיך אויס דאָס לעצטע ליכט.

נאָגט א טריעבער ניגון אין מיין הארצען,
שטיל פאלען טרעהרען אין דער נאכט;
וואכט מיין בענקשאפט אויף א גוטע
קומט צו מיר מיט פרייד און לאכט.

ווייל פון פרייד איז איצט די צייט,
ווען דאָס פייער ברענט מיט לוסט,
און פון וועלקען איז נאָך ווייט
זאָל מיט פרייד זיין פול מיין ברוסט!

## זון

זון, דיין שטראהלען־נעץ האָט מיך געפאנגען
מיין זין מיר פאר׳שיכור׳ט,
מיין הארץ אָנגעפילט מיר מיט פרייד.
עס האָט דיין ליכט מיר
די אויגען פארבלענדט:
איך האָב אין דיין פּנים
שווער קוקען געקענט.

שעהן, שעהנער ווי שעהן, איז דיין פּנים,
דיין שטראהלען־גלעט איז צארטער
ווי דער, פון א פרוי.
און האָסט דו מיין בליק, שטיל
בלויז איינמאָל פארכאפּט,
וועל איך אויף דיר קוקען
ביז ווערען וועל גרוי.

1

די מאָרגען־רויטקייט גיסט זיך מיט א שמייכעל אויס.
דער טאָג, ווי א גנב, שטיל קומט צו געהן.
דו שלייכסט זיך א בייזער ארויס פון דיין בעטעל
מיט צאָרן באגעגענסט דעם פרומען פריה־מאָרגען.

פרום גיסט די זון איהרע שטראהלען פאנאנדער,
מיט פייער באגריסען זיי פריידיג די וועלט.

9

אין אווענט־זון־געזאנג
ווען דער טאָג פארגעהט;
פארזינק איך אין א טרוים
וואָס מיט אומעט וועהט.

עס וויינט אין מיר מיין הארץ
אויף דעם טאָגס פארגעהן;
די אויגען קוקען ווייט
עס הערט זיך א געוויין.

„—קום מיין לעבען ׳הין אוועק
אין דעם אווענט־ליכט פון טרוימען;
דאָרטען ווייט איז אונזער וועג,
קום, די זון, ניט צו פארזאמען.

רופט מיין בענקשאפט מיך מיט שטורעם
און איך געה אוועק אין חלום.

## צום לעבען

זון אין הימעל בלייב הויך שטעהן
און באלויכט די גרויסע וועלט.
נאָט אין הימעל לאָז מיך געהן
פריי אין לעבען אומגעשטערט.

בארען אלע, זיננט איצט אויך
פילט די הערצער אָן מיט פרייד.
ווייל דאָס לעבען איז א רויך
וואָס אין שטורעם שטיל פארגעהט.

1

באַגינען ווען ס'וואכט דער מאָרגען
פון זיין חלום־לאנד דער נאכט, —
ציהען קיה זיך אין טשערעדע
פון די נאסען אלע לייכט.

און די קיה זיי זינגען שירה,
צו דעם לאנד פון זונען־ליכט;
ביי דער ראגאטקע טרעפען זיי
אָן א פאסטוך אומגעריכט.

און דער פאסטוך טרייבט א בייזער
זיי אין טשערעדע אוועק;
גלוסט זיך איינער וואו אוועקגעהן,
שלאָגט זיין בייטש איהר אָן א שרעק.

2

קאראוואנען פול מיט תבואה
ציהען שראנגענווייז אין שטאָט,
ביי דער זייט זיך נעהט א פויער
מיט א בייטש אין האנט פול מוט.

טרעפט ער אָן א יוד א סוחר,
שטעלט ער אָפּ זיין וואָגען שטיל;
זאָגט דער סוחר איהם „גוט־מאָרגען",
פרעגט א פּרייז איהם וואָס ער וויל.

דינגט ער מיט דעם סוחר לאנג זיך,
לאָזט דעם מקח איהם אראָפּ;
איז די פּרייז איהם ניט צום הארצען,
פאָהרט ער ווייטער פון איהם אָפּ.

דער מענש איז א בלינדער: ער מערקט ניט די שעהנקייט,
דאָס זון־ליכט שטויסט ער פון זיך אָפּ.

אין ערגעץ א ווינקעל א לעב'דיגען קבר,
וואו זון ניט דערגרייכט מיט קיין שטראהל,
פארבאָרגט ער מיט צאָרען זיך דאָרטען אין עלענד
און שאפט זיך א קבר מיט גאל.

2

די אווענט־זון פארנעהט מיט צאָרען
דער מערב־ראנד זיך בענקענד רויטעלט.
מענש, דו האָסט די זון פון זיך פארשטויסען,
געהט זי בלוטיג אונטער, זעה אצינד!

שטעהסט פארגאפט ביים ראנד און קוקסט,
מיט מיעדע בליקען ווי דער טאָג פארגעהט.
עס צאָרענט אין דיי אויגען דיינע שטיל א פייער
ווילסט און קאָנסט ניט אָפּהאלטען דעם טאָג צוריק

פאר די אויגען דיינע שפרייט זיך אוים די נאכט,
און עס שניידט א בענקשאפט דורך דיין קראנקען הארץ.
האָסט דעם טאָג פארשטויסען ווען ער איז געקומען
האָט די נאכט דיך אין איהר נעץ געפאנגען שווארץ.

## פראגמענטען פון מיין שטעטעל

פארגיב מיר, לאנד פון מיין געבורט,
פארגיב, אָה, מוטער מיר מיין זינד,
וואָס איך האָב דיך פריה פארלאָזען:
איך בין דאָך פארט א גלות־קינד.

# ביזט א קינד פון פריהלינג קינד

פרייע וועגען קלאָהרע טייכען
און פון הארץ עס הילכט א לאכען.

לויט׳רע הימלען ווינקען שעהנע,
ליעבע כשוף׳ט זיך א ריינע

און דו שיפסט זיך פריי אין וועג.

ריינע תפלות, אונשולדס־קינדער
הייליגען זיך שטיל א וואונדער;

בלומען־קווייטען שטיפען קליינע
און עס נארט דיך ווער א שעהנע

און דו שיפסט זיך פריי אין וועג.

פויגעל־לידער פריליגנס רוהם
הילכען אָפּ אין ווייט ארום.

שטילע סודות וועבען פריי
זיך אין הארץ פון יונגען מאי

און דו שיפסט זיך פריי אין וועג.

ווארים־שטראהלען ליבעס גלוט
צינדען אָן דיר פייער־מוט

און דו שיפסט זיך פריי אין וועג.

ביזט א קינד פון פריהלינג קינד!

3

פֿאָהרען פֿוהרען פֿיעל צענויף זיך,
שטעלען אָפּ זיך אויף דעם מארק.
מישען זיך צענויף געזאנגען,
געהט דער האנדעל פֿלינק און שטארק.

אויף די פֿוהרען מאַלראוואנקעס
מיט פֿארבענקטע אויגען שווארץ;
זיצען און צעלעגען סחורות
מיט א צלם אויף דעם הארץ.

קומען קונים צו די פֿוהרען
מיט שטרוי־קוישלעך אין די הענט;
קויפֿען אויף וואָס זיי פֿארלאנגען
פֿון די לעלעס אומבאקענט.

## בין השמשות

בין השמשות. כ'ליעג און דרימעל,
שאטענס קריכען אויף דער וואנט.
מאך איך צו די אויגען מיינע,
קושט זיך צו מיר, צו א האנט.

און די האנט; די מיידעל־צארטע
לאסטשעט מיך א לאנגע צייט;
מאך איך אויף די אויגען מיינע,
לויפֿט זי אָפּ פֿון מיר אין ווייט.

עס איז די ערד
דיין בעט אצינד;
ווען היר באשערט
איז רוהען קינד.

## ס׳ציהט מיך הויך אין יענע וועלטען

ס׳ציהט מיך הויך אין יענע וועלטען
וואו די זון דאָרט אייביג לייכט,
וואו די יוגענד בליהט אָהן אויפהער
וואו עס הערשט קיינמאָל די נאכט.

דאָרט וואו אלע לעבענס־פריידען
זינגען אויס זייער מעלאָדיע,
ווילט זיך וויעגען ווי א רויז מיר
זינגען הויך דאָס ליעד פון רוה.

## מיט מיין מאמען

ווען מיין מאמע האלט ליכט אין בענשען,
שפרייט זיך אויס אין שטוב א פרייד.
און אין שטוב ווערט גוט צו זיצען
ריידען מיט דער מאמען שפעט.

זעין איך רעכטס זיך ביי מיין מאמען
קוק אין פנים איהר אריין
פון די אויגען איהרע שטראהלען
קושען זיך אין מיר אריין.

און די שטראהלען איהרע גוטע,
ווארימען א גאנצע וואָך,
ביז עס קומט א צווייטער פרייטאָג
ווארימען זיי ווידער נאָך.

## אויף ווייטע פעלדער

אויף ווייטע פעלדער,
וואו גראזען און וועלדער
בילדען אהיים,
פאר פויגעל וואָס זינגען,
טוט מיין שטימע
מיין שטימע אָפּקלינגען
וואָס פון מיין הארצען
מיין הארצען טוט זינגען.

און זינגען טו איך
בייטאָג און ביינאכט
ביי זונען־שיין
און אין לבנה נאכט
און הער איך וועמען
פון ווייטען קלאָגען,—
ברענג איך איהם
א טרייסט צוטראגען
און זינג איהם מיין ליעד
מיין ליעד פון טרייסט
וואָס פיהרט׳אין וועג
איהם ווידער דרייסט.

## די זון פארגעהט

די זון פארגעהט
די נאכט פאלט צו.
א ווינטעל וועהט
דו גארסט נאָך רוה.

דו פאלסט צום גראז
א מיעדער גלייך;
עס פעהלט דיר וואָס
דאָך ביזט דו רייך.

און בין איך געקומען אין שטעדטעל,
פארגעסען האָב איך אין מיין וועה,
איך בין דאָך, מיין ליעבער, געקומען
פון ווייטען צו דיר איצט, אָה, זעה!

געעפענט האָב איך מיינע טירען,
מיין גאסט אויפגענומען מיט פרייד.
אין אלץ האָב איך איצט זיך פארגעסען,
צו נישט איז געוואָרען מיין לייד.

## אויף מיין הארפע

אויף מיין הארפע
טו איך שפיעלען
ווען אין טרויער איך פארזינק.
און מיין שפיעלען
וועקט די וועלטען
פון זייער חלום אויף זעהר גרינג.

און די וועלטען
הערען, איין זיך
אין דעם ניגון פון מיין ליעד;
הערט מיין הארף נור
אויף צו שפיעלען, —
שלאָפען איין זיי ווידער מיעד.

## פיאנא-קלאנגען

פיאנא־קלאנגען
צויבער־טענער
טראגען זיך פון וואו;
נאכט־געזאנגען
חלום־טענער
שטערען מיר מיין רוה.

## מיט זיך

כ'האָב פארשלאָסען זיך אין צימער
מיט דעם דרויסען זיך צוקריגט.
כ'האָב פארהאנגען מיינע פענסטער
אין מיין הארץ אריינגעבליקט.

פון סופיט האָב איך א הימעל
אויסגעמאָהלען זיך באשייד
און א זון האָב איך אין הארצען
אויסגעמאָהלען זיך מיט פרייד.

אין די זונען־שטראהלען מיינע,
האָב איך זיך אליין פארהילט
און געפרעהט זיך און געזונגען
מיין באנגעהר אליין געשטילט.

## מיין גאסט

געקומען א גאסט אומערווארטעט,
א שטילער געקלאפט אין מיין טיר:
האָסט, ליבער, קיין בריף ניט געשריבען
בין איך איצט געקומען צו דיר!

עס האָט מיך מיין בענקשאפט געטריבען,
דער וועג האָט געפיהרט מיך אהער.
לאנג האָבען די נעכט זיך געצויגען,
דאָס פאָהרען געווען אזוי שווער.

די באהן האָט געראַיישט אין די אויערען,
די מענשען גערדרימעלט א צייט.
עס האָט מיך געלאנגווײלט דאָס פאָהרען,
דאָס פאָהרען אין עלענד פון ווייט.

ער קלויבט ניט קיין שעהנע
און גוטע געפיהלען.
אלץ איז א מאכל
זיין הונגער איהם שטילען.

## כ׳האָב א שטיין אין וועג געטראָפען

כ׳האָב א שטיין אין וועג געטראָפען
מיר געדוכט האָט ס׳איז א בלום;
האָב איך פאר דעם שטיין געבויגען
ווי א קינד נאאיוו זיך דום.

איז דאָס מאָרגען־ליכט געקומען
מיט איהר וואונדער זון־געזאַנג,
האָט א וואונד זיך אין מיין הארצען
ברייט געעפענט מיט א באַנג.

האָט מיין בליק זיך אָנגעשלאָגען
אָן מיין נעכטען־בלום מיין גליק;
האָב איך קלאָהר ערשט דאן פארשטאַנען
ווי עס נארט דער אויגען־בליק.

## אין וועג

מיט צונויפגעפרעסטע ליפען
שטום אָהן ווערטער כ׳בין געגאַנגען;
מיט א צער אין מיין הארצען
מיט א נאָגען מיט א באַנגען.

ער האָט זיך אויף מיר געוואונדערט,
פראַנענד געקוקט אין די אויגען.
ביידע האָבען מיר געשוויגען,
בלינד אין וועג זיך וואו געצויגען.

שפּיעלט א מיידעל
אויף א פּיאנא
ערגעץ ווּאוּ אין נאכט, —
ווינט א טרוים זיך
פאר די אויגען,
מיין געזיכט באלייכט.

טענער־ליבע
פּיאנא־טענער
טראגט זיך צו מיר הער;
ווינט אין נאכט מיר
איין אין חלום
לאָזט מיין הארץ ניט לעער.

## דער שווארצער פויגעל

עס האָט ווער געבויעט
א נעסט אין מיין הארצען,
א פויגעל א גרויסען
באזעצט דאָרט א שווארצען.

און בליהט זיך פאנאנדער
א בלום דאָרט א שעהנע,
עס פּיקט איהר דער פויגעל
שוין אויף דאָרט די ריינע.

עס בעט מיך דער פויגעל
קיין עסען קיין טרינקען;
ער נעהמט זיך אליין אלץ
וואָס צו איהם טוט ווינקען.

גערט זיך וואו א מענשעלע
געהט אין שטיל פון נאכט,
געהט אויס וואו א ליכטעלע
הערשט אליין די נאכט:

שלאָפען איין די קינדערלאך
שלאָפען איין אין נאכט,
זינגען שטערען זמר׳לאך
היטען זיי אין נאכט.

קרעכצט און וויינט א פידעלע,
ערגעץ וואו אין וויט,
שאָקעלט זיך א ווערבעלע
בעט און וויינט און שרייט.

צאפלען זיך די הערצעלעך
צאפלען זיך אין שטיל,
וואכען אויף די אויגעלאך
וואכען אויף אין שטיל.

עפענען זיך מויל׳עכלעך
עפענען אין נאכט,
צינדט זיך אָן א ליכטעלע
צינדט זיך אָן א פראכט.

באָדען זיך די קינדערלאך
באָדען זיך אין גליק,
וואכען אויף זיי שטערענדלאך
מיט א מילדען בליק.

## געראטענע קינדער

עס זיינען געראטענע קינדער פאראן,
וואָס קלינגען זיך פריה פאר דער צייט.
עס אטעמען הויך זיי'רע ברוסטען,
די בליקען זיי פאלען אין וויים.

די וייטקייט זי ציהט אומאויפהערליך,
מאָהלט בילדער ן'שעהנע געשטאלטען;
די קינדער זיי פליהען א וואונדער,
עס קאָן זיי ד'צייט ניט פארהאלטען.

און מעגען זיי וועמען אָנטרעפען,
עס מאכט ניט ווי גרוים ס'איז דער דאָרן;
עס קימערט זיי וועניג זיין יחוס
באקעמפען דעם שונא מיט צאָרן.

און גרייכען זיי ווען אין דער ווייטקייט,
טרעפען זיי אָן זיך־אליין דאָרט,
צי ווילען זיי יאָ צי ניט וויסען,
דאָך קינדער זיי בלייבען אלץ פאָרט.

## קינדערלאך

שווימען זיידען־וואָלקענדלעך
איבעראל אין הויך,
בלאָזט פון וואו א ווינטעלע
שלענגעלט זיך א רויך.

שאקעלט זיך א בוימעלע
בויגט דעם קאָפּ אראפּ,
וואָיעט וואו א ווינטעלע
פאלט א ליכט אראפּ.

געקומען די זון איז פון מאָרגען א קאלטע
געציטערט צו ווייזען א שטראהל,
פארגליווערט דער הימעל א שטומער געהאנגען
גע'ביטער'ט און הויך זיך מיט גאל.

## צו די וואָס שאפען

אין פייער פון בלוט זאָלט איהר שמיעדען
דעם פאקעל פון פרייהייט דער נייער,
דעם גייסט פון דעם מענשען, דעם מיעדען,
דערהויבען זאָל גאָט דער באפרייער.

די הערשער פארניכטעט מיט צאָרען
דערטרינקט זיי אין אייגענער גאל
דעם לוח פון אייביגע יאָהרען
גיט איבער, דער פרייהייט פאר אל'!

## צום קאַמף

ציין'ס טעכטער, אידען־קינדער,
גורט די לענדען אייזע'נע אָן
און איהר, העלדישע בחורים,
ציהט ארויף די אידען־פאָהן!

אין דעם ווייטען עבר, ברידער
זיינען מיר א פאָלק געווען;
לאָמיר קעמפען פאר דעם עתיד
אין די רייהען אויך איצט שטעהן.

ווייל די זון פון ווייטען מזרח
איהרע פיילען האָט געשיקט

## דער הערבסט ווינט

אין שטיל־גערויש פון נאכט
טראגט א הערבסט־ווינט אזוי לייכט.
ערגעץ וואו אונז ווייט אוועק;
עס געהט דער ווינט זיך אזוי גרינג,
אזוי שטיל און אזוי פלינק
טראָגט אין הערבסט אונז ווייט אוועק.

מיט דעם ווילען פון זיין גייסט
לעבענס־בעסטע פרוכטען רייסט
אליץ פאר זיך דער ווינט פון הערבסט.

גרויע שפורען, אלטקייטס־צייכענס,
לאָזט ער איבער איבעראל;
אזא אָנזאָג פון ניי־לעבען
ברענגט דער ווינט צו אונז מיט גאל.

## אָנהויב ווינטער

דער ווינט האָט די בלעטער, די געלע פארטראגען
די ערד מיט זיין באָרד אויסגעקעהרט.
דער אויר ער האָט שוין די קעלט אויסגעטראגען,
דער הימעל אין גרוי זיך געצערט.

עס האָעבן די סטעזשקעס, די דעכער גע׳ווייס׳ט זיך
די וועלט אין א פראָסט זיך פארהילט;
די צווייגען פאר׳זילבער׳ט, פארוויגט אין א חלום
אין סוד האָט דער ווינט זיך געשטילט.

גלות־בלומען, מענשען־קינדער
ציהען מיט הורא־געשרייען:
ענדליך איז געשעהן דער וואונדער
צו דעם מזרח, אידען, געהען!

## פאַר די חנוכה ליכטלעך

בויג זיך, קאָפּ, מיין עמוד ענן,
פאַר די ליכטעלעך די קליינע;
ווייל די פלעמעלעך די געלע
מיר דערצעהלען וואונדער שעהנע.

בויג זיך, קאָפּ, מיין עמוד־ענן,
פאַר דעם שמש פון די ליכטלאַך
ווייל ער וועקט אין מיין זכרון
גרויסע העלדישע געשיכטלאַך.

בויג זיך, קאָפּ, מיין עמוד־ענן,
פאַר די קליינע וואונדער־ליכטער;
ווייל זיי צינדען אָן א פייער
אין דעם הארץ פון יונגען דיכטער.

## ענטוישונג

איך האָב באמערקט:
דו ביזט אוועק.
איך מוז דאָס ליידער, זאָגען.
ביזט נעבען מיר,
דאָך ערגעץ ווייט
פון ווינט ווערסטו געטראָגען.

און מיר טאָרען ניט אין גלות
לענגער בלייבען שטאר פארשטיקט.

וועלטען גרויסע, וועלטען קליינע,
פאלען, ווערען איצט געבויט
און מיר מוזען קעמפען אלע
פאר דעם עתיד ביז צו טויט!

שטעלט־זשע אלע זיך אין רייהען
מיט דער פאָהן אין רעכטער האנט
קומט באקעמפען אונזער שונא,
ברעכען איצט די לעצטע וואנט.

## צום מזרח

און די שטונדע האָט געקלונגען
פויגלען ווילקאָמען געזונגען.
און די שטונדע האָט געקלונגען.

מענשען־שטראמען ציהען פריידיג
קרייזלענדיג אין זון אוועק;
דאָ און דאָרטען לידיג, ליידיג
בלייבט פון אונטען זיך דער וועג.

סטעגגעס ווייסע בלויהע לאנגע
ציהען זיך אין שיר פון טאָג.
נידער מיט די נעכט די יבאנגע
מזרח יוד, איז מיין פארמאָג!

הארפען־טענער הימעל קלאנגען
שטראהלען־קראנצען אָהן א שיעור
פיהרען מיך אין וועג דעם לאנגען
פיהרען מזרח מיך צו דיר.

ווי דאָס ברייטע מויל פון ים
אפען איז מײַן הארץ געווען.
וואָס דו האָסט געהאט געגלוסט
מיינע רייכטימער געזעהן.

און געקומען איז א צייט,
וואָס הָאט דיך פארפרעמדט פון מיר;
שטויסט ניט אָפּ מיך אין א זייט,
דאָך אין־אייגען־וועלט געהסט דיר.

## איך האַב גע׳חלום׳ט קאַנען שפּיעלען

איך האָב גע׳חלום׳ט קאָנען שפּיעלען
אויף דער וועלט־ארענע שעהן;
האָב איך זיך געקויפט א פידעל
ווען איך בין נאָך יונג געווען.

כ׳האָב געפלייסט זיך און געלערענט,
בלויז דערין געזעהן א ציעל;
איז דאָס לעבען זאכט געקומען
מיט זיין אייגען גרויסער שפּיעל.

או! איך האָב זיך שטיל געזעגענט
מיט מײַן פידעל מיט א באנג,
דער נייער שפּיעל זיך אָפּגעגעבען
איהר מיט פליים געלערנט לאנג.

כ׳האָב אין לערנען זיך געעלטערט,
ניט דערגרייכט דאָך האָב קיין ציעל;
האָב איך זיך מיט וועה גענומען
צו מײַן אלטער אלטער שפּיעל.

עס האָט דער דמיון
מיך גענאַרט,
דו ביזט געווען מיין האָפען.
עס האָט געדויערט
בלויז א צייט,
דאָך ענדליך האָט געטראָפען.

ס'האָט געטראָפען:
ביזט אוועק
אין איינען־וועלט זיך באָרען.
מיך האָסט דו
בלויז אָפּגענאַרט
פון גאָרניט געוואָלט זאגען.

און אציגד נאָך
טו'עפען מיר זיך,
גלייך ווי גאָרניט האָט פּאַסירט;
צווישען אונז דאָך
ליגט אַן אָפּגרונט,
וואָס אויף וועגען צוויי אונז פיהרט.

2

כ'האָב גערענקט ווי מאַן און ווייב
מיט דיר זיך ברודער, לעבען.
אלעמאָל צו זיך געטראַכט:
דער טויט נאָר וועט אונז שיידען.

ביזט געווען מיין אידעאַל,
דיך אליין בלויז האָב געקענט
פון דער צוקונפט, ווען געטראַכט
האָב מיין בליק אויף דיר געווענדט.

# זיפצען.

## אוועק איז דער יום-טוב

אוועק איז דער יום־טוב
געקומען די וואָך.
פון הארצען א בענקשאַפט
דעם יום־טוב יאָט נאָך.

דער יום־טוב ער איז שוין
פון יענער זייט שוועל;
אין הארצן לאָך שימערט
ער זוניג און העל.

דער פייער פון יום־טוב
ער לעשט זיך ניט אויס,
אין גרוי פון דער וואָך, איז
זיין מיין ערשט גאָר גרויס.

## אוועק איז דער טאג

אוועק איז דער טאָג
געקומען די נאכט.
שטערען זיך לעשען, —
דער הימעל ניט לייכט.

די זון איז פארשוואונדען
דער פריהלינג פארגעהט;
ס'בייט זיך דאָס לעבען
דער הערבסט איצט וועהט.

ליכט איז צורונען
אין אייבינען געהן,
טויט איז געקומען
אין כאאס־געשעהן...

# די נייע שחיטה

איך קאָן דיר, זון, אין פּנים גלייך ניט קוקען.
איך שעהם זיך, וועלט, מיט דיין פּראנגרעס.
וואו איך קעהר נור און איך ווענד זיך,
טרעף איך אָן א יוד א מת.

און די פארגליווערטע קדושים,
די פון דיר געשענדטע קינדער,
קוקען שטאר אויף מיר פארוואונדערט,
פרעגען מיך אזוי באזונדער:

„מענש, ווי פריהרט אין דיר דיין בלוט ניט,
ווי קאָן דאָס דיין אויג נאָר זעהן
אזא גרויסען חורבן, וואָס איז,
אויף דיין אייגען־שטאָם געשעהן?

„קאָן דער וועה פון אונז׳רע טעכטער
מיט די זקנים דיך ניט ריהרען,
און דער מאָרד פון קליינע קינדער
דיר דיין הארץ אין טויט ניט פריהרען?

אך, ווי הימעל־שרייענד, מענשען
ס׳איז די זינד געגען אידען.
און איהר, אומפארשעהמטע קריסטען,
רעדט פון פרייהייט נאָך און פריעדען!

ס׳איז דאָס בלוט פון די קדושים
פון נייעם סדום נאָך ניט פארקיהלט,
און א שווארצע האנט א נייע
איבער אונז א חלף פיהרט.

## מענש צו דיר!

שטורעם אויף מיט שטאַרקען צאָרען
און מאַך אָן א גרויס געוואַלט.
גראַב אויף גיך דעם טיעפען קבר
מענש, אָה, מענש אין גאָט'ס געשטאַלט

נידער ווילד אראָפּ אין קדושים־קבר
מיט דעם פייער פון דיין צאָרען;
ברענג מיט האסט ארויף פון דאָרט
טאטעס מאמעס טיף, באַגראַבען דאָרט געוואָרען.

און די שוועסטער, מענש, אה, מיינע,
מיט די ברידער מיינע אלע,
ברענג ארויף מיט ווילדען צארען
ניט פארגעס — די מענשען אלע.

לעג זיי אויס די גרויסע קדושים
פאַר דעם פּנים פון דער זון;
גורט אָן דיינע שטאַרקע לענדען,
קום מיט מיר צום פּאָליאַק, קום.

קום, דיך רופט דיין טויטע מוטער,
דער וואָס אייביג לעבט דיך רופט
גיס אויס מיט גאַל דיין הייסען צאָרען —
פּוילען'ס קינדער, זייט באשטראַפט!

צו דעם קבר פון די קדושים
ברענג די מערדער, ברענג די הינט;
מיט דעם טויט זאָל דאָ באצאָהלען
יעדער פּאָליאַק פאַר זיין זינד.

עס שפּייט מיט פייער
דער גאָט פון שווערד
און פארניכטעט ווילד די ערד.

זאָל ער שפּייען, זאָל ער מאָרדען
ווען זיין ווילען איז פארדאָרבען.

## מלחמה

עס האָט די לייבען־קראפט פון מענש
א גיהנם זיך באשאפען,
זיין אייגענעם גורל אין קאָן דאָרט געשטעלט
פון שטאָל און פון אייזען באפאנצערט,
מיט דעם ווילען פון א טייפעל,
קעמפפט דער מענש מיט ריעזען־קראפט
בויעט דאָרטען און פארלענדט.—

עס לויערט דער טויט פאר די אויגען,
איהם קימערט דער קאמפף בלויז אצינד.
און פאלענדיג שלאָגט ער זיין שונא,
זיין ווילען איז שטארקער פון ווינט. —

ווי וואונדערבאר, ווי גרויס, ווי שטארק
עס איז דעם מענשענ'ס מאכט!
עס שרעקט איהם ניט דער טויט;
ער קוקט אין פנים איהם און לאכט.

און צאָרענדיג שלאָגט ער זיין שונא
פאר'שיכור'ט פון אייגענעם בלוט,

און עס בלוטעט אונזער קערפּער,
די קרבנות זיינען גרויס;
אונז׳רע טרעהרען ריהרען שטיינער,
ניט קיין מענשען, שטיינער בלויז!

## צום שליאכטשיץ

קום ׳הער דו הונט אין מענש־געשטאַלט
און זעה די פרוכט פון בייזען ווילען,
האָסט געוואָלט און ס׳איז געשעהן —
דיין דורשט מיט אידען־בלוט געשטילען;

האָסט געוואָלט און ס׳איז געשעהן
די אידען־טאַכטער פרעך געשענדעט.
פּוילען גאָט, זאָל פּוילענס האַנט
וואָס האָט איהר פויסט צו אונז געווענדעט!

## עס רוישט

ס׳ם רוישט, עס זידט און עס קאָכט;
עס ברויזט, עס שטורמט און עס ציטערט
אַלץ וואָס אויף דער וועלט.

הימלען ברענען רויט ווי גלוט
אַלע וועלטען זיינען רויט:
איבעראַל גיסט זיך בלוט.

ס׳ם זידט די ערד ווי דער גיהנם,
אַלעס איז אין רויטען פלאַקער,
טרינקט זיך ווילד אין גלוטען־פלאַמען.

# אינהאלט:


צו אייך — — — — — — 6


## ווינטער


קאנאדער ווינטער — — — — 9
אויף דעם סקייטינג־רינג — 16
נעסט — — — — — — 18
שנייעלאך און קינדערלעך — 18


## אויס דער וועלט פון אלע וועלטען


אויס דער אייבינקייט — — 21
דער זוכער דראמ. פאעמא — 27
מתנות פון בורא — — — 31
אייבינקייט — — — — — 32
ווען די שטונדע האט — — 33
די יאהרען — — — — — 33
אויס דער צוקונפט — — 34
וועלט און מענש — — — 34
איך האב מיינע ווארצלען — 35
די צייטען — — — — — 35


## נאכט געזאנגען


עס פאלט שוין ווידער צו — 37
ביינאכט — — — — — — 38
אין נאכט — — — — 39
אין פארק — — — — — 40
אין נאכט — — — — — 42


## נשמות


דער זקן — — — — — 44
משה — — — — — — 45
דער לעבעדיגער מאדעל — 46


## ליעבע


דו האסט מיין ליעבע — 49
שוועסטער — — — — — — 50
דיין שטימע — — — — 50
צו חלום — — — — — — 51
צו דער חופה — — — — 52
אין דיין ליעבערם הענט — 52
מענסט אין שלייערען — — 53
צו — — — — — — — — 54
וויים — — — — — — 55
וויים — — — — — — 56
צום לעבען — — — — — 57
איך וועל — — — — — 58
מיט דיר אין נאכט — — 59
האסט געזעהען — — — 62
וויקעל אוים זיך — — — 62
קום הער — — — — — 63

דער קראַך פון קאַנאָן איז ניט מעכטיג
דערשטיקען אין איהם איצט זיין מוט.

ער באָדט זיך אין אייגענעם בלוט שוין,
דאָך שלאָגט נאָך אין הארצען א ראכע־געפיהל;
ער זעהט שוין זיין ענד פאר די אויגען
און פּרואווט אלץ נאָך טרעפען אין ריכטיגען ציעל.

## מיין ווארט

כ'האָב פאר קיינעם זיך געבויגען
לידער אָהן א צאָהל געזונגען.
ס'האָט די וועלט מיך אפּגעשטויסען
דאָך מיין שטים האָט הויך געקלונגען.

מיט דער שווינדקייט פון א הירשין,
האָב איך זיך אין וועג געטראָגען;
מיט דער מורא פון א דונער
שטרענג מיין וואָרט געטאָן הויך זאָגען.

און מיין פייער־ווארט, געשמידען
פון דער גאַל פון מיין נשמה,
האָט גע'שטורעמט אלע וועלטען
אויסגעקעמפט מיר א נחמה.

די שעה — — — — — 64
וויעגט א רויז — — — — 64
קינד פון מיין געדאנק — — 65
איך, דער נאר פון אלע — 65
ביידענס הערצער — — — 66
בענקט א האריץ — — — 67
זאג צי זאל איך — — — 67
געדענקסט? — — — — 69
בויגסט אוועק דיין פנים — 70
אין מארגען ליכט — — — 71
בלומען — — — — — 72
עס האט גענארט מיך — — 72
מענסט אין מארגען — — 72
מיינע מיידלעך — — — 73
כ'האב אין מיידלעך דריי — 75
כ'האב א בייזען — — — 75
כ'האב א מיידעלע — — — 76
און האב איך — — — — 76
קינד — — — — — — 77
אונערוווארטעט — — — — 77

## פאלענדע בלעטער

מיין בענקשאפט — — — 79
צום לעבען — — — — 84
זון — — — — — — — 85
די מארגען־רויטקייט — — 85
פראגמענטען פון מיין — — 86
בין־השמשות — — — — 88
ביזט קינד א קינד — — 89
אויף ווייטע פעלדער — — 90
די זון פארגעהט — — — 90
ס'ציהט מיך — — — — 91
מיט מיין מאמען — — — 91
מיט זיך — — — — — 92
מיין גאסט — — — — — 92
אויף מיין הארפע — — — 93
פיאנא קלאנגען — — — 93
דער שווארצער פויגעל — — 94
כ'האב א שטיין אין — — 95
אין וועג — — — — — 95
געראטענע קינדער — — — 96
קינדערלאך — — — — 96
דער הערבסט ווינט — — 98
אנהויב ווינטער — — — 98
צו די וואס שאפען — — 99
צום קאמף — — — — — 99
צום מזרח — — — — 100
פאר די חנוכה ליכטלעך — 101
ענטוישונג — — — — 101
איך האב גע'חלום'ט — 103
אוועק איז דער יום־טוב — 104
אוועק איז דער טאג — — 104

## זיפצען

מענש צו דיר — — — — 106
די נייע שחיטה — — — 107
צום שליאכטשיין — — — 108
עס רוישט — — — — 108
מלחמה — — — — — 109
מיין ווארט — — — — 110

מרדכי מילער.

# זון און בענקשאפט.



איך בין ווי א קינד א צעלאזענער.
אדער גאר ווי אן אלטיטשקער מאן.
אמאל זאל איך שטיפען פארלירען זיך.
אמאל גאר מרה־שחורה׳דיג זיין...

מרדכי מילער

# ליעבעס ליעדער.

## 1

האסט געוואָרט פאַר מיר,
כ׳וויים: דו דאַרפסט עס מיר ניט זאָגן.
האסט געבענקט, מיין קינד,
איצט, דיין האַרץ וועט מעהר ניט נאָגן.

שוועסטער, כ׳בין שוין דאָ.
די נאַכט איז שוין אוועק וואוהין.
גלעט מיין ברוין געזיכט,
זעה! די שטראַהלען ווייט זיך ציהען...

כ׳בין שוין דאָ —
דיין זיס געגאַרטער טאָג...

4

דער טאג אזוי הייס,
די זון אזוי שעהן
רופט ניט דאס לעבען:
קום לאמיר געהן?

דער וועג אזוי לאנג,
ביזטו שווין מיד?
ניין, נאך ניט מיד.
קום, לאמיר געהן.

2

איך האב זיך פלוצים אויסגעוויקעלט פון דער נאכט.
און לויטער ווי קריסטאל בין איך געקומען.
כ'האב פארשפרייט די זון: דיין ווייס געזיכט באליכטיגט
און דו האסט מיך מיט דיין געזיכט באצוואונגען...

3

איך האב געטרונקען וויין פון דיין באקאל:
שכור גלייך געווארען...
אט אזוי פארשייט. איז וואס. איז וואס?
האב איך זיך פארלארען...

6

האסט אזוי צעפראלט די פענסטער
און צעווארפען דיינע האהר.
האלב פארשלאפען דורך דעם פענסטער
זעהסטו אוים ווי הימעל־קלאהר.

ערסטו איין זיך צו דעם זינגען
צו די פויגעלעך פון בוים. —
ווערט דיר פרעהליכער אין הארצען
וועבסטו שוין א נייעם טרוים...

קוקסטו ווייט אין טיפען הימעל.
שמייכעלט זיך צו דיר די זון:
וויקעלסטו זיך אוים פון דרימעל
ווייס: א זונען־טאג קומט אן...

5

וועסטו שוין ארויסגעהן
גריסען זיך אהער:
וועל איך זיך פארליבען.
ליבען דיך. איך שווער.

וועסטו שוין פארנארען
מיינע טריט צו דיר.
וועט עס מיך ניט ארען
כ'וועל דאך זיין מיט דיר...

## 8

הערסט: עס רוישט דאָס טייכעל דאַרטען.
קום ארונטער צינד.
זעהסט: דאָס שיפעל, ווייט ווייט דאָרטען?
קום זיך שיפען, קינד.

רוהיג, רוהיג, וועט דאָס שיפעל,
טראָגען אונז אוועק.
וועסטו זיצען, רוהיג, רוהיג,
אהן אביסעל שרעק.

וועסטו זיצען טיף פאר'חלום'ט,
בענקען טיף פאר זיך,
וועל איך האלטען פעסט דעם רודער,
כ'וועל פארהיטען דיך...

## 7

קינד, צ׳וואָס־זשע שוין ברונז?
צ׳וואָס־זשע זיין אזוי פארשעהמט?
זעהסט: ס׳ארט מיך, ארט מיך זעהר,
מיין נשמה ווערט פארקלעמט.

הויב שוין אויף די אויגען,
ניט פאר׳עקשנ׳ט, צויבער־קינד,
איצט איז זומער: זאָל זיין פריידען,
כ׳וויל דעם אומעט ניט אצינד.

איצט איז פריהלינגס־יאָהרען,
לאָמיר ביידע פליהען ווייט,
ווער עס שטיפט ניט פריהלינג,
ווערט געעלטערט פאר דער צייט...

1

שפרייט אויס דיינע הענט
ווי דער אדלער די פליגעל
נ'רוף מיך צו זיך.
זאל עס מיינען: דו רופסט מיך
זאל עס מיינען: דו ליבסט מיך.
מיך און מיין „איך".

2

שטראהל אויס פון דיינע אויגען א הימלישע גוטסקייט
אז ליכטיג זאל זיין.
טרינק אז מיינע פארבארגענע טונקעלע ווינקלען
מיט ליכטיגען שיין.

3

רוף אויס מיט דיין טרעלענדער שטימע:
געליבטער, קום הער!
פאר פרייד וועל איך טאנצען און וויינען
אויסוויינען א טרעהר.

4

שפיל אויס אויף דיין הארפע
א בענקענדען ניגון.
און זאלען די קלאנגען
וויינענדיג פרעגען:
— וואו האסטו פארבראכט?
— ווער האט דיך געצערטעלט?
— ווער האט דיך גערייצט?

---

9

טאכטער.
אַט איז דאָ אַ פריהלינגס־ווינטעל
וועט עס ברענגען מיר אַ קוש.
שענק דעם ווינטעל דיינע ליפען.
טאכטער, פרעג מיך ניט פארוואס...

טאכטער.
אַט איז דאָ די רויטע־רויטע
צונטער־זון פון זונען־לאנד,
לאָמיר זאלבאנאנד שפאצירען.
גיב דיין ווייסע ליבע האנט.

טאכטער —
לאָמיר טרעטען זיך אַ וועג.
ווער עס טרעט ניט אויס קיין וועגען,
בלייבט אַ פיינגלינג אויף'ן וועג...

# דו האָסט זיך פארליבט אין מיין אומעט

מיין הארץ האט א קלאפּ געטאָן האסטיג, —
פארוואָס? — איך ווייס ניט פארוואָס!
איך האָב דיך דערזעהען אומערווארטעט
נ'דו האָסט געקארגט מיר א גרוס.

יע, דו האָסט דיין אויג ניט געווענדעט
ווייסט מיך ניט, קענסט מיר ניט ניין.
דיין היינט איז שוין ניט וואָס דער נעכטען
נעכטען דעם היינט קען ניט זעהן...

דו האָסט מיך געליבט ווייס איך זיכער,
פארגעטערט יעטווידער וואָרט.
נאָר קוים בין איך פרעהלאך געוואָרען
האָסטו מיר ליבע געשפּארט!...

דו האָסט זיך פארליבט אין מיין אומעט
איך ווייס; דו האָסט ניט געשפּאסט
האָט אבער די פרייד מיך גערופען;
האָסטו מיין פרייד דאן פארהאסט...

איך וועל זיך פארזינקען
אין זיך און אין זיך.
און צווישען די צייהן
וועל איך האלטען מיין צונג. —
און וועל שווייגען, אוי שווייגען,
פאר זיך...

5

צי ווייסטו אז איך האב געוואנעלט?
זיך אומגעשארט אזוי ווי דער ווינט?
נאר דיך האב איך תמיד געטראגען:
אין הארצען. דיך געהיט ווי א קינד.

6

אין מיין הארץ האב איך באהאלטען
דימענטענע שטיינער.
כ'וועל ניט האנדלען מיט די שטיינער.
כ'וועל זיי שיינקען איינער...

7

כ'וועל א רינגעל לאזען גיסען
אויף א גליהענד פייער.
כ'וועל אויסקריצען אויף'ן רינגעל:
דו ביזט ביי מיר טייער...

8

נעהם דאס רינגעל צו, געליבטע.
דאס וועט אונז פארבינדען.
דו וועסט קושען האפט מיין רינגעל
אין די טריבע שטונדען...

## עס ציהט אין הארצען מיר צו איהר

עס ציהט אין הארצען מיר צו איהר.
איך פאלג און געה.
די גאס איז שטיל.
אין הארצען קלאפט און איך — אין טיר...

זי עפענט אויף, איך קום אריין:
זי ווארט אויף מיר.
איך זאָג גוט אווענט, ליבסטע מיין...

עס ענטפערען איהרע אויגען.
איך טראכט א ווייל
און שוין איז קלאָהר
פארוואָס ס'האָט צו איהר געצויגען...

## לאך דיין געלעכטער איז זיס

לאך, דיין געלעכטער איז זיס:
ווי א זיסער געלעכטער.
יעטווידער צעל אין דיין טרעל
איז מיר ליבער פון ווערטער...

2

איך וויל ניט די רייד,
די פיעל פארביגע רייד.
די פשוט'קייט איז מיר בא'טעמ'טער.
איך וויל נאר די פרייד:
די אומגעריכטע פרייד
איז שעהנער אויפגעראמטער...

## גאָט היט מיר אפּ איהרע לייכטע טריט

נאָט, היט מיר אפּ איהרע לייכטע טריט.
איהרע פיס זאָלען פלינק זיך ציהען —
ציהען דורך דעם וועג.

איך וועל שטעהן פון וויטענס
זיך וואונדערען פארגאפט:
ווי שלאנק און בויניג
ציטערדיג זי שפאנט.

און וועט א ווינט לויערען איבער איהרע טריט,
וועל איך דער שטארקערער
זיך פארמעסטען מיט דעם ווינט...

## איך וועל שווייגען.

איך וועל שווייגען
גאר ניט זאָגען;
זאָל די ליבע
טיפער נאָגען.

עס וועט נאָגען
א שטיל געפּיהל;
בעסער שעהנער
אה, זאָל זיין שטיל...

זי וועט וויסען...
צי וועט זי ניט?
ס'מויל וועט שווייגען,
די אויגען — ניט...

# זונען-אויפגאנג.

מיט דעם אויפגאנג פון דער זון האָב איך דיך דערזעהן.
א רויטער שטראם האָט זיך געצויגען דאָרט ביי'ם ראנד;
האָב איך גערענקט: ס'איז א בלוטיג שטראם א בלוטיגער
אזוי ווי אין דיין באק די פארב...

ווארימער אלץ ווארימער אין הארצען איז געוואָרען.
ס'האָט געשימערט צויבערדיג פון זון
אזוי ווי פון די אויגען דיינע...

דאָס טייכעל געקוואָלען האָט, געשפילט זיך מיט די שטראהלען
סודות'דיג געמורמעלט וואָס געפלאפעלט.
דופטענד האָט די לופט געשמעקט פאר'שכור'ט
אזוי ווי דיינע ויין-ליפען...

איז אז איך האָב דערקענט דיך נאָך דיין אויפגאנג,
האָב איך געשמייכעלט לוסטיג ווי א קינד.
האָסט דאָך דאן געשטראהלט מיט דיינע בליקען...

## אין סאָד

שאַ־שטיל: א ליבעס־קוס האָט זיך פארקלאמערט.
דו קוקסט זיך אום און זוכסט,
זעה: עס הענגט דאָרטען אויף דעם גרינעם דעמב.—

שטיל איז די נאכט; דורכזיכטיג — די לופט,
ליבע טראגט זיך צווישען די בוימער,
סודות׳דיג מורמלען די בלעטער
לאכענדיג טראגט זיך דאָס גליק
גוט איז די קינדער וואָס ליבען...

שאַ־שטיל. די בוימער זיך וויגען;
די צווייגען — די קינדער — שוין דרימלען
דער שלאָף וועבט שוין זיין חלום.
ווייך שפרייטען זיך טרוימען
ליו־ליו וויגען די בלעטער...

מ׳קוויקט זיך דאָרט ערגעץ מיט נאכט־ווײַן
שטיל אזוי, שטיל אזוי שטיל.
ווערט שפעט. ווייל קורץ איז די נאכט;
ווערט שפעט ווייל קורץ איז דאָס לעבען...

איצט איז פאראיבער. טרוימערישע טעג,
זיסע טעג פון בענקען, ליבען אָהן א שיעור,
נאָך איין פונק אין הארץ איז מיר פארבליבען,
ווי א ווארים נאָגט ער מיר מיין בלוטיג הארץ...

ווער־זשע שפּיעלט דאָרטען אין דעם ווייסען הויז?
ס'הארץ ווי פארצעליי אויף שטיקלאך ווערט צעבראכען.
צי שפּילט ניט דאָרט מיין צארטע ליבע רויז
מיין גליק, מיין אומגליק וואָס איך האָב פארלוירען?...

# האָסט געֿהערט

האָסט געהערט די קלאַנגען פון א פּיאַנא
פּלוצים אָט אזוי זיך אפּגעשטעלט פארגאפּט.
צ׳וואָס־זשע האָסטו דיר דיין הארץ צעבראכען
צ׳וואָס מיט טרעהרען דיינע אויגען זיך באַפייכט?

ווער שפּילט דאָרטען אין דעם ווייסען הויז?
גארסט צו וויסען, זעהן די ווייסע פינגער?
צי שפּילט ניט דאָרט א מלאך מעלאָדיען —
שירה צו דעם אויסגעטראכטען ליבען גאָט?

צי אפשר שפּילט א מיידעל לויב־געזאנג
צו איהר באשערטען פון איהר רייכען דמיון.
צי ווייגט זי גאר מיט בלוט דורך די פינגער,
צי קייקלען זיך ניט טרעהרען אויף די קלאַווישען?

ארעם קינד, דו נאריש־נאריש מיידעל,
אזוי שפּילען מיט געפיהל איז א געפאהר...
קענסט פארברענגען דיינע איידעלע סטרונעס, —
דיינע סטרונעס פון דיין גלוטיג־הייסען הארץ.

די באנגען וואָס שיקסט דורך דיינע פינגער
קענען פאלען אויף פעלזען שווערע שטיינער;
שטומע פעלזען טויטע קלאַנגען.
אָהן רחמנות שיקען זיי צוריק די באנגען..

דער ריהר פון איהרע פינגער אויף דער פּיאַנא
רופט ארויס אין מיר זכרונות:
געווען א צייט, כ׳בין אויך געווען פארליבט,
איך האָב אויך אזוי געשפּילט פאר איהר מיין שפּיעל.

## איך האָב געעפּענט —

איך האָב געעפּענט די טויערען פון מיין ווארעם הארץ
און אריינגעלאָזט א מיידעל;
ווי א קעצעל פון אונטער'ן טיר האָט זי געבעטען זיך.
האָב איך געעפּענט ברייט מיין טיר.

זי איז אריינגעקומען שטיל
און האָט א ווארעם ארט אין הארץ געפונען.
איז זי דאָך הונגעריג געווען און דורשטיג
האָט זי געפונען הייסעם בלוט צום טרינקען...

עס האָט זיך איהר דערנאָך געגלוסט צו שפּיעלען
זי האָט דאָך שוין געזעטיגט זיך מיט בלוט...
האָט זי געשפּילט אויף די סטרונעס פון מיין הארץ:
האָב איך דערפיהלט א סטרונע האָט געפּלאצט...

## דו...

דו גאַלינגע שלאַנג מיינע.
ווייס, איך טראָג אַ צווילינג אין מיין האַרץ:
איך האָס און האָב דיך ליב.

האָסט געריצט מיין האַרץ:
נעקומען און אוועק,
געקומען און אוועק...

דו מיט די אויגען דיינע וואָס פלאַקערען ווי די זונען
מיט די בלויע אויגען דיינע וואָס ברענען ווי פייער,
מיט די ליפּען דיינע רויטע־בלוטיגע;
מיט דיין חן־גריבעל אין דיינע ווייס־ראָזעווע באַקען

מיט די ווייסע ברוסטען וואָס שלאָגען ווי כוואַליעס,
מיט דיין לייכטען ציטער ווי אַ הירשין אויף'ן פעלד,
דו מיט דיין קעניג־מיידעלשער קרוין אויף'ן קאָפּ —
די ליכטיגע לאָקען

האָסט געריצט מיין האַרץ:
געקומען און אוועק,
האָסטו זיך אַ צווילינג שוין פאַרדינט.

## מיין טיר איז פארשלאָסען...

מיין טיר איז פארשלאָסען
'איך לאָז ניט אריין;
די פענסטער פארהאנגען
פון זונינען שיין...

אין צימער איז פינסטער, —
אין צימער איז שטיל
איך בענק ניט נאָך קיינעם
ס'איז טויט מיין געפיהל...

איך האָב זי פארלוירען
עס טוט מיר ניט באנג
זאָל שטומען מיין ווילען
מיין יונענדס־נעדראנג...

# עס פעהלט מיר א סטרונע.

עס פעהלט מיר א סטרונע.
ווייל איך ניט שפּילען.
זאָל הענגען דער פידעל,
זאָל פאלען דער שטויב...

'איך וויל ניט פאררעכטען
ס'הארץ פון מיין פידעל!
זאָל הענגען באליידיגט —
א צעבראכען געמיט.

# זומער.

# אויף די וועגען.

אויף די וועגען האָבען מיר זיך באגעגענט
פארוואונדערט האָבען מיר זיך איבערגעקוקט.
מיר האָבען זיך ביידע א צייט ניט געזעהן,
באזונדער מיר האָבען געוויינט און געקלאָגט...

זי האָט מיך געפרעגט און איך האָב געענטפערט:
ווי געהט עס דיר דאָרט אויף דיין איינזאמען וועג?
א מאך מיט דעם קאָפּ — און שוין אפּגע׳פּטור׳ט:
אונז ביידען געלינגט ניט דער נארישער וועג...

מיר האָבען זיך ס׳ניי געזעגענט, צעגאנגען,
אין אויגען פארבליבען א בענקענדע טרעהר.
ווידער דאָס מזל אין שאטענס פארהילט
און ווידער איז פינסטער און ווידער איז לעער...

## מיין טעות

ערשט נעכטען פאר׳ן שלאָפען,
ז׳מיין פענסטער אונטער אייז געווען געקאָוועט.
כ׳האב עגדענקט מיין פענסטער, אימער וועט פארפרוירען
בלייבען.

היינט די זון האָט זיך געיאווועט
און מיט פייערדיגע שטראהלען
האָט זי מיר מיין שויב באפאלען,
אפגערייניגט זאכט דאָס אייז
דערביי באליכטיגט מיר מיין צימער
און באליכטינט מיין נשמה
און באוויזען ווי איך גרייז...

## ניסן

אָט קומט דער פריהלינגס־טאָג דער ליכטיגער
דער שווערער ווינטער שוין פארשוואונדען!
טאָג־נאָך־טאָג ווערט פראכטפולער דער צויבער,
אין הימעל נייע ליכט זיך צינדען...

צום טייך שטראמען ריטשקעלאך זיך ציהען,
די פויגעלאך פון ערגעץ קומען.
דאָס הארץ ווערט אויפגעראמט מיט יום־טוב פרייד
עס טראגט זיך: ניסן איז געקומען!

די העלע זון שוין ניט קיין שטיף־מאמע,
מאמע׳דיג לויכט זי אויף די גאסען.
נינגאָלד דאָ און דאָרט האָט זי צעוואָרפען
אויסגעשטראהלט פון זיך דעם חודש ניסן.

## עס קומען אָן די נייע טעג

עס קומען אָן די נייע טעג
עס בליהען שוין די בלומען,
די וועלט ווערט פריי, א פויגעל זינגט
דער פרילינג איז געקומען.

עס שפּיעלען זיך די קינדערלאך
ווי פויגעלעך אום זומער.
עס הילעכען די שטימעלעך:
פארשווינדען זאָל דער קומער.

## אפריל

דו ליכטיגע טאכטער פון זון־לאנד!
האָסט געוואַרט אין דעם וועלט־צימער פון אומעט
און האָסט אין דיינע אויגען, האָפנונגען געוואַרימט...

האָסט געוואַרט, אָה לאנג געוואַרט, אין שטילען ווינטער
איינגעהילט אין שאָטען פון די מערץ־טעג
און האָסט געוויינט פאר וואָס מ׳זעהט ניט אָן דיין פּנים...

נור פּלוצים, האָסטו אויסגעוויקעלט זיך פון טרויער
און דאָ און דאָרט, א שטראהל געשיקט פון די אויגען...

כ׳האָב פארגאפט באטראכט דיין ליכטיג אויסזעהען
און האָב געפרעגט: ווי רופט מען דיך דו שעהנסטע?
האָסטו געענטפערט: טאָכטער אפּריל!...

## דער טאג

דער טאָג איז געקומען, די נאכט איז אוועק.
איך האָב פון שלאָף שוין ערוואכט.
די זון האָט געלויכטען, איך האָב געשמייכעלט;
טאָג האָט באזיגט שוין די נאכט.

איך האָב שוין ווידער געשפינט מיינע טרוימען
פארגעסען זיך אָן דער נאכט;
זון האָט קאָקעטיש געשמייכעלט ארונטער
טאָג האָט באזיגט מיט זיין פראכט...

האָבען געגאָסען די שטראהלען מיט גינגאָלד
כ'האָב זיך געבאָדען אין גליק.
די וועלט האָט געשימערט; איך — אין איהר צויבער,
פון נאכט, צום טאָג שוין צוריק...

## זומער אווענט

1

כ׳האָב געמאכט א רויטען פייער
ארום די בוימער האָט געברענט;
ווילד, די ווילדקייט איז מיר טייער
איך האָב עס האָלד, איך רייב די הענט...

ס׳האט א פוינגעלע געזונגען,
צפון־ליכט האָט זיך געצויגען;
כ׳האָב די קלאנגען איינגעשלונגען
אָנגעטרונקען מיינע אויגען...

דאָ און דאָרט ביי׳ם רויטען הימעל
ווי ביי מיידעל ליעבעס־באנגען
הילט זיך איין א זיסער דרימעל
בלויע וואָלקענס ווי פאָרהאנגען...

2

שטיל, די נאכט האָט מיך געפאנגען.
שטילע דרימלענדיגע לײדען
אָנגעטרונקען מיט פארלאנגען
וואָס די ליפּען קוים זיי ריידען.

זים. א ליידענשאפט א שטילע.
פרעגען דאָך, זאָל איך ניט פרעגען
ווינטען קענערער, די קיהלע,
ווען זיי ווילען מיך אויפרעגען...

טיף און ברייט און אויף די לאָנקעס
פיהל איך זיך צו גאָט גאָר נאָהענט
וואו עס פּאשען זיך די „בראָנקאס"
זינג איך אוים מיין זומער־אווענט...

# הערבסט.

## ס'האָט דער הימעל זיך פארקופערט.

ס'האָט דער הימעל זיך פארקופערט
לאָזט ניט דורך אונז קיין שטראהלען.
אויף די שויבען, קלאפט דער רעגען
און ד'פליגען פאלען פאלען...

גיסט דער רעגען אָהן אָן אויפהער
אין הארצען נאָגט א אומעט.
אויף מיין פענסטער איז פארבליבען
איין פליעג וואָס טאנצט און זשומעט.

הילפלאָז פאר זיך נאָר זי פלאָנטערט
זוכט א שטראהל אין די שויבען...
נאָר פארכמורעט איז דער הימעל,
דאָך די פליג וויל ניט גלויבען...

## געלע בלעטער

געלע בלעטער אויף די וועגען
פון די ביימער נאָר זיי פאַלען
אויסגעגרינט און אויסגעטריקענט
דאָס איז לעבען, דאָס איז לעבען...

און דער ווינט פאַרטראַגט, פאַרניכטעט
מיט זיין וויינען, מיט זיין וואָיען
טראָגט פאַנאַנדער בלומען־בלעטער
לאָזט אונז זעהן קלאָהר זיין אויפטו.

דאָס איז לעבען, דאָס איז לעבען...

און אַן אומעט נאָגט אין האַרצען
פרעג ניט, קינד: וואָס איז די אורזאַך?
מיט דעם פריהלינג בליהען בלומען
גרינע בלעטער אויף די ביימער;
און זיי פאַלען אין דעם אסיען
ווען דער זומער מינערט שטראַהלען.

דאָס איז לעבען, דאָס איז לעבען...

## עס האָט שוין דער קוס אָפּגעקלונגען

עס האָט שוין דער קוס אָפּגעקלונגען
די זון איז אין ווייט שוין אוועק.
דער פויגעל האָט זיין׳ס אפּגעזונגען
געקומען איז הערבסט מיט זיין שרעק...

ס׳זיינען שוין פאַראיבער די שפּורען,
עס גאָלדיגט שוין מעהר ניט די זון
מיר זוכען פארגאַנגענע יאָהרען
דאָס איצטיגע געהט אונז ניט אָן. —

מיר זוכען פארגאַנגענע טריט...

## פארטריקענט איז דאָס בלעטעל

פארטריקענט איז דאָס בלעטעל
אויסגעדארט איז צווייג און בוים.
גיט א שיין די זון — ז'נאָר א ווייל...
ס'איז פויל קאלט.

מאָנאָטאָן און אומעטיג,
יעדע ליפּ געפּרעסט און שטום;
פארשוואונדען איז דער שמעטערלינג
עס ווערט קאלט...

קאלטער רעגען גיסט אָהן אויפהער,
שווארץ, כמורנע איז דער הימעל
אומעט שפרייט זיך אין מיין הויז
עס איז קאלט...

# ווינטער לידער.

בלוי איז דער הימעל
פינקלען העל די שטערען
ווי א זיסער דרימעל
לויפט פארביי א פערדעל...

4

ס'ציהען זיך די טעג אוועק
לאַנג און דויערענד־מאָנאָטאָן
אָהן אן עק.

ס'דרעהט אין צימער זיך די קעלט
ווי א וויכער הין און הער:
ס'איז קאלט.

5

כ'זעה מענשען שפּאנען
טרעטען אויף דעם שניי;
ווער איך שטארק ברוגז
ז'הארצען טוט מיר וועה...

אזא מין שעהנער דזשויסען
א צויבערדיגע נאַכט
וויל איך זאָל פארבלייבען
אָהן פלעקען זויבער־ווייס...

6

ז'גאַט איז שא
אין גאַט איז שטיל,
געה איך מיר
וואוהין איך וויל.

ס'פּנים מיינס
איז רויט ווי גלוט
טיף אין שניי
איז אמת גוט...

1

א ווינטער פּאַרקאָוועט
פול שניי אנגעוויהט
די שויבען זיי בליהען
מיט קאנאדער צווייט.

2

א פרעסטעל א ווייס,
ן'דרויסען פראָסטינג־קאלט
זילבערט זיך א שנעע
גרייפּעלעך עם פאלט.

ווייסען זיך בוימעלאך
זילבערט זיך דער וואלד
טראגנען זיך שליטעלאך —
דאָם וואָס איך האָב האָלד.

ווארפען זיך קינדער
מיט גאָמעלקעם שניי
פלאמען בעקעלאך,
מיר זאָל זיין פאר זיי!

3

שנייאינג איז די גאס
ווייס איז אונזער דרויסען;
זילבערט זיך די ווייס,
חן'עוודיג דער דרויסען.

לויפט א פערד אין שפּאַן
גליטשט זיך דער שליטען
זיצט זיך דער פוהרמאן:
איידא, שלעפּ דעם שליטען!

# צו פריה בין איך צו אייך געקומען

צו פריה בין איך צו אייך געקומען
געמיינט האָב איך צו עפענען מיין הארץ פאר אייך,
יעטווידער וויזט טרינקען פון מיין יוגענד־קוואל —
יעטווידער געזונטערהייט זאָל טרינקען...

עס וועט א יונגע טאכטער קומען
זי וועט אין בעכער מיין — מיין הארץ —
א שטראהל געפינען...

זי וועט א שמייכלענדע א שטיף טאָן
און איך וועל געבען איהר מיין הארץ.
זי איז אבער ניט געקומען...

האָב איך געווארט, אָה לאנג געגארט:
זאָל קומען כאטש א היימלאָזער וואָס האָט ניט קיין
געלעגער
א ארימער וואָס האָט קיין גאנצע שיך אויף זיינע פיס,
וואָס ציטערט אט אזוי קאָנוואולסיוו פון דער קעלט.

די הייסע בלוט פון טיפען הארץ
איך וועל איהם געבען.
די ביינער, די ביינער זיינע, זיינען קאלט:
— ס'וועט מיין בלוט איהם דערוואַרימען.
און דאָך איז ער ניט געקומען...

איך האָב אלץ געווארט, דאָ און דאָרט א הייסע טרעהר
פארלאָרען,

אפשר פארט א יתום וועט נאָך קומען.
צי א געפאלענע מיט בלויע רינגען ארום די אויגען.

צי גלאט אזוי א שלעכטער
צי אזוי א שווייגענדיגע טרעהר,
אלע אלע וועלען קומען צו מיין הארצענס־ברונען
און איך, א שמייכלענדער, וועל שטראהלען ווי די זון...

איז אבער קיינער ניט געקומען
האָב איך מיין הארץ געוואָרפען פאר די ווערים...

# פֿאַרשידענע לידער.

## דאָס פענסטער איז פארהאנגען

דאָס פענסטער איז פארהאנגען
אָט אזוי די שטילע קלאנגען
רוהיג שטילער ס'איז די נאכט.
אויף'ן וואנט דער זייגער הענגט
קריכט דער ווייזער אין דער פינסטער
ווי א גנב אין דער נאכט...

קיינער זעהט ניט, קיינער הערט ניט
ווי עס בייט זיך אום די צייט.
אומגעריכט די שטונדען קומען
מיט אן עכא פון דער ווייט...

רוהיג, רוהיג אין מיין בעטעל
איצטער קלינג ניט, שטומער זייגער.
ווייס: א חלום איז מיין טרייסט...
לאָז מיך דרימלען ביז באגינען
וועק ניט. וועק ניט, שטומער געהער
בעסער איז שוין ווען דו שטעהסט...

## ווי אן אמרוה —

ווי אן אומרוה האָב איך זיך ארומגעשארט
אין ציימער איז געווען שטיל, אוי שטיל.
ווי טונקעל האָט דער לאָמפּ געברענט, ווי בלייך
אין הארצען האָט געשטילט זיך א געפיהל...

א טויטער שאטען האָט געוויעגט זיך אויף דער וואנט
צי אפשר נאר א לעבעדיג געפיהל — — —
...אזוי לעבעדיג און שטיל...

כ׳האָב געטראכט פון דאָ און דאָרט און פון ווייט
אז ווילד בין איך אי אומפארשטענדליך־פרעמד.
קיינעם ווייס איך ניט און וויל ניט וויסען
אז פרעמדע מענשען זיינען דאָך אונז פרעמד...

## דער צוג וועט ציהען ווייט אוועק

דער צוג וועט ציהען ווייט אוועק
איך וועל רויכערען און שווייגען...
צי מאָנטאַן, צי לאנגוויילינ, —
ס'וועט מיך גאָר ניט נאר ניט ארען...

כ'וועל אָנקומען צי פריה צי שפעט
קיינער וועט פאר מיר ניט ווארטען.
דו שטאָט איז פרעמד. זאָל זיין אזוי.
ס'וועט מיך גאָר ניט נאר ניט ארען...

## איך בין אין שטאָט איינגעקלאמערט

איך בין אין שטאָט איינגעקלאמערט
מיט צוואנגען פון אייזען און שטאָהל.
דער געלד-גייסט אין מוח מיר האמערט
מיין לעבען ז'מיר נמאס צו מאָל...

די שטאָט מיט איהר רויך און טומעל
זי שלינגט מיך און שפייט מיך צוריק;
ווידער א בלייכער דערשלאָגען
זוך איך מיין שטאָטישען גליק...

## כ׳האָב מיין לעבען דעם אווענט אָפּגעגעבען

1

כ׳האָב מיין לעבען דעם אווענט אפגעגעבען,
מיט רוהיגקייט מיין הארץ געקיהלט,
צי האָב איך דען א טרייסט געפונען
צווישען שטיינער, וואָס איהר מענשען רופט.

כ׳האָב געוואנדערט פון מיין יוגענט
אומעטום געזוכט אן ארט.
אלץ גע׳חלומ׳ט: דאָרט איז בעסער,
נאָר גענארט האָט מיך דער „דאָרט“...

עס זיינען מיינע האָר, ווי זילבער שוין געוואָרען,
כ׳בין מיד צו בלאָנדזשען אויף די וועגען...
אומעטום, די זעלבע פרעמדע בליקען,
דאָ און דאָרט איך טרעף זיי אָן.

2

ווען איהר טרעפט מיך אָן אין אווענט,
גריסט מיך שטיל, נאָר לאָזט מיך פריי!
ס׳האָט דעם וואנד׳רער דערעסען —
פוסטער לויב פון פריהלינגס־מאי...

לאָזט דעם היימלאָזען געהן אליין,
ניט רעה בין השמשות איהם
לאָזט איהם דרימלען ווי דעם מאָרגען,
אין דעם אווענט שווייגען שטום...

שווייגען דרימלען אָהן אן אויפהער,
כ׳וויל ניט קיינעם נעבען מיר...
ווער ס׳ועט וואגען שטילקייט שטערען,
זאָל פארשאלטען זיין פון מיר.

# צייט לידער.

## עס טראגט זיך דער ווינט

עס טראגט זיך דער ווינט. עס שניידט זיך דער שטורם —
דורך מיין הארץ.

זינג איך מיינע לידער, קלינגען זיי קאלט
פאלען זיי ווי בליי אויף יענעמ'ס הארץ?...

עס האָט די פראָסטינקייט געבוירען מיינע לידער
עס האָט דער עלענט זיי באגלייט.
ווי אזוי־זשע קענען זיי די ווארימקייט אייך ברענגען?

## בערג שטומע.

בערג שטומע. ניטאָ צו וועמען ריידען
איך בין עלענט גאנץ אליין.
איך בין צווישען בערג און טאָלען הילפלאָז
ווי א קליינעם קינד איך וויין...

כ'האָב פארלאָזט ראָס יוגענדליכע לעבען
אויפ'ן הארצען איז מיר שווער.
א פויגעל זינגט אן אומעטיגען ניגון
פון די אויגען פאלט א טרעהר...

דער וואלד שיקט מיר שווארץ־געדיכטען אומעט
דער ים שווארצער נאָך פון טינט.
איך א הילפלאָזער אין שיף פון לעבען
ווער געטריבען פון דעם ווינט...

1

מאך צו דיינע אויגען
מיין קינד,
און זעה ניט די וועגען
פון זינד...

פרעס צו דיינע ליפען
אצינד.
דיין וואָרט זאָל ניט געהען
מיט ווינט...

פארמאך זיך אין צימער
און שוויינ.
און גיב זיי די פאלשע
א פייג...

2

די פינסטערע נאכט מוז דאָך געהן
די נאכט וועט דאָך אייביג ניט שטעהן
די נאכט וועט דאָך אייביג ניט שטעהן...

דער טאָג דארף דאָך קומען, און וועט.
עס איז קיינמאָל קיינמאָל ניט שפעט
עס איז קיינמאָל קיינמאָל ניט שפעט...

3

אז דער טאָג וועט קומען
ערוואך, אָה, דאן פון שלאף,
זאָלסט עפענען די אויגען
און זיין געגרייט צום רוף...

## צו פוילען...

אויף דיינע פעלדער צו דיין זון וואָס געהט איצט אויף
האָט זיך א רויטער שטראָם פארמישט אין וועג...
א מאָרגען־בלאט האָט מיר דערצעהלט: ס'איז אידיש בלוט.
דער ים האָט בלוט געבראכט צו אונזער ברעג...

אין די שטילע נעכט, ווען ס'בלייכט זיך די לבנה,
האב איך דערהערט א זיפץ און א געוויין,
האָב איך דערפיהלט א שארפען שניט אין הארצען מיין
אָט ווי א מעסער וואָלט אין הארצען מיין שטעהן...

וויט דיין לאנד האָט אָנגעפילט א שרייענד יאמער
דאָס האָט א שוועסטער אויסגעוויינט איהר שאנד.
אויף דיין וויסט ניי־לאנד האָט זיך פארשפרייט א נעבעל
א ווילדע קראָהען־שווארצקייט אויף דיין לאנד...

אין א פוילען טאָג האָט א וואָלקען זיך געלעגט
דאָרט ווייט ביי'ם ראנד ליכט איז נאָך געלעגען
ז'ווער האָט זיך געזאלט אויף רעגען־טרערען ריכטען —
אויף רויטען וויינענדיגען בלוט־רעגען? —— ——— ——

האָסטו שוין דיין האנט אין אידיש בלוט געטונקען
איז וויסען מעגסטו דאָך אז בלוט ווערט ניט פארשוויגען...
א טויטע נאכט וועט זיך אויף דיר נאָך שפרייטען!
ס'וועט דיין לאנד אין חורבות שפעטער ליגען...

מ׳וועט דיך עפּעס פרעגען
נוין־זשע אויס דיין וואָרט;
זאָל דיין שטימע קלינגען
וועקען זאָל דיין וואָרט...

גען ארויס פון צימער
באגעגענען די זון...
טאָג מוז דאָך ווען קומען...
משיח קומט דאָך אָן!

## איך בין דאָס קינד פון אייער צייט...

איך בין דער שלאַנג וואָס גלאַנצט א שמייכלענדער
וואָס סטשירע מיט די ווייטע צייכן אין נאכט.
נאָר קוים קומט אָן דער טאָג דער ליכטיגער
דאַן האַלט איך טיף אין זיך מיין שלאַנג פארשפארט...

איך טראָג אין הארצען מיינ׳ס אי גאַל, אי גיפט,
און אויף די ליפּען ווערטער זיסע — שעהן.
איך רעד פון נאָבעלקייט פון ליבעס גליק
און ווייס אז איך בין ליגנעריש און קליין...

ווער בין איך דאָס, איהר זענט פארגאפט און פרעגט.
איך בין דאָס קינד פון אייך איהר שעהנע לייט...
און קוים דערקענט איהר ניט זענט איהר דאָך בלינד
אדער פארגעטעריש ווי אייער צייט...

## זאָל פאַלען

זאָל פאַלען דאָס אַלטע און קראַכען
דאָס נייע מיר זאָלען עמפאַנגען
איהר הערט ווי עס קומט אונזער יום טוב:
צי הערט איהר די נייע געזאַנגען?

עס קומען איצט אָן נייע שוואַלבען
זיי באַגריסען דעם איצטיגען דור.
מיר לעבען אין צייט פון גאולה:
צי קומט ניט אָן א שעהנערעס יאָהר?

## מיין פאָלק

צום ערשטען קאַנאַדער אידישען קאָנגרעס

מיין פאָלק האָט דאָס וואָרט שוין געזאָגט,
פון נאַכט צו טאָג זיך דערוואַרט.
קלאָר־זאַכליך געפאָדערט, געמאָנט,
געמאָנט וואָס לאַנג שוין געגאַרט.

מיין טרוים וואָס וואַרט אין מיין דמיון,
ניט געריהרט פון פרעמדע הענט,
האָט איצט זיך דערוואַרט, זיך דערוואַרט;
געשמידט דעם גוטען מאָמענט...

## איך האָב געפּרואווט

איך האָב געפּרואווט, לוסטיג זיין,
ווען פּיין האָט מיך געהאַלטען.
כ'האָב א שמייכעל אויסגעשטראַהלט,
ווען כ'האָב באַדאַרפט גאָר שעלטען...

כ'האָב געמיינט מיין שמייכעל וועט
דעם טייפעל ווייט פאַרטרייבען;
ר'וועט נים מעהר מיין אָרעם פאָלק
צו גאַל־פאַרצווייפלונג טרייבען...

כ'האָב געמיינט די פינסטערניש
וועט זיך פאַר שטראַהלען שרעקען.
כ'האָב געמיינט מיין מיסיע, וועט
די בלינדע נאַכט אויפוועקען...

ס'איז אָבער בלויז א חלום;
מען מאַטערט דעם פּרוביר־שטיין...
די מענשהייט, ווערט אַלץ ווילדער,
זי איז ווילד און איז געווען...

## אויף דער וואך

עס וואויעט דער ווינט ווי א וואלף
לויערט מיינע טריט.
די סעקונדען — לאנג, אך, ווי לאנג!
אה, די נאכט!...

ווען קומט די צווייטע וואך צוגעהן?
צוויי שטונדען ווי לאנג!
אה, די נאכט!

מיר דוכט עמיץ געהט, עמיץ שפאנט.
אין הארצען עפעס קלאפט.
אה, די נאכט!

מיין ביקס אנגעשטעלט אזוי פלינק
דער קינזשאל אין דער נאכט.
שטעה, ווער געהט דארט שפעט אין דער נאכט?
אה, די נאכט!

## אויף דעם פאראד

גלאט ראזירט דאס פנים
אויסגעפוצט די קנעפ.
וועלען מיר געפעלען...
אלע זיין אין „סטעפ".

וועט די מוזיק שפילען
קאמאפלאזשען מוט...
וועט עס אונז שוין ריהרען
כלומרש'ט פיהלען גוט...

קאהקי־קליידער און באראקען
ווי א כמארע פאר די אויגען.
שווארצע וואלקען. ס'איז מלחמה
נאָר זיי הענגען אָנגעצויגען.

שטעהט א וועכטער אָנגעכמורעט
און עס גיסט א קאלטער רעגען;
נאָר זיין פּנים ווי דער דרויסען
נאָר ער היט די פאלשע וועגען...

הארטע ביינק און בייזע זעלנער
נאָך דעם דרילען מיד אָהן כח.
ווער עס שלאָפט און ווער עס דרימעלט, —
שלום פלאָנטערט זיך אין מוח...

עס העלפט ניט קיין טרייסטען פון פרעמדע,
צי קען איך זיי טוישען פאר דיר?
מ'זאָגט מיר: דאָס לאנד דארף דיך נויטיג!
צי קען דאָס א טרייסט זיין פאר מיר?

טויב איז מיין אויער צו פרעמדע
א טרייסט איז א ווערטלאָזע פראזע
מיין באגעהר איז זאָלסט קומען געשווינדער,
געליבטער, ווען קומסטו צוריק?...

# א בריעף

נעליבטער!
אזוי ווי די נאכט ווארט פאר דעם טאָג
אזוי ווארט איך פאר דיר,
נעליבטער, ווען וועסטו קומען?
שלאָפלאָז פארברענג איך די נעכט,
דערשלאָגען האָט מיך דער טאָג.
נעליבטער, ווען וועסטו קומען?

ווער איז צו דער וואָס איז ווייט פון נעליבטען
אָהן ליבע מעהרען זיך וועהען.
כ׳זוך דיך אזוי ווי דער בלאָנדזשענדער — ווענען
כ׳קען דיך ניט געפינען...

עס הערען זיך טריט דאָרט אין דרויסען
עס פאנגט אָן צו קלאפען מיין הארץ.
אָט דוכט מיר עס עפענט די טיר זיך
און קומסט מיט דיין שמייכלענדען אויסזעהן...

איך ווענד מיינע אויגען צום טיר
עס קומט ניט קיינער אין צימער
דער ווינט האָט מיין דמיון פארנארט
נעוואָלט מיך באפרייען פון קומער.

אזוי ווי די זאנגען אָהן רעגען,
אזוי איז מיין לעבען אָהן דיר,
די איינזאמקייט טריקענט מיין זעעלע
עס מעהרען זיך באנגען אָהן שיעור.

אוי — — — אוי — — — אוי — — —
— גאָט פארגיב מיר מיינע זינד,
איך האָב שוין צעהנדליגע געטויטעט...
עס טראגט זיך גוסס'דיג זיין שטים
און ווערט פארטראגען מיט דעם ווילדען רויך. —

זשו — — — זשו — — — עס פליהט די קויל
די קעפּ אריבער. אָט, אָט, זי טרעפט, און ביזט א טויטער:
נאָר ניין...
גאָט! דעם צווייטען פריינד, מיין... מיין — ברוד—ע—ר
און שוין א צווייטע קויל, און איהם אליין געטראפען.—

אוןביידע פריינד... דאַנק דעם גרויסען נאר פון
מענשליכער פאנטאזיע...
ביידע זיינען טויט... און ביידע — עכט צופרידען. —

סאָלדאטען ביז דעם האלדז באפאנצערט...
מיט דעם בעזען צאָרן אָנגעפייערט אין די אויגען
און עס ברענט דער האס און פלאקערט זיך אין בראנד
און דאָס איז טייפעל־שפּיעל אין מענשליכע מלחמות.

## אפגעהאקטע זיפצען

טראך — — — טראך — — — טראך -— — — — —
וואונדערבאר, ווי שטארק דער מענש, ווי לייבען־קראפט.
ווי אייזען שטארק...
ווי אזוי־זשע טראגט דער מענש עס איבער?...
אומבאגרייפליך אומערקלערבאר!
יא, דער מענש איז שטארקער טויזענט מאָל פון אייזען!...
עס לויערט פאר די אויגען בעז־צעווילדעטע די ענד פּין
לעבען

עס לויערט טויט פון אלע ווינקלען,
דאָך דער גליקליכסטער בלייבט לעבען. —

האָסט קיין צייט, אפילו ניט דיין לעצטע תפלה זאָגען;
דער גיהנום פלאקערט בראנד פאנאנדער
דו אין מיטען, פרעסטו דיינע בלויע ליפּען
און א שוים דאָס לעצטע בלעזעל לאָזט ארויס:
דיין אטהעם הויכט...
און שוין דו פעהלסט מ'וועט דיך שוין ניט צעהלען —

געפאלען, — נא, באד דיין לייב אין רויטען אייגען־בלוט
קום ריין, אויף יענער צוגעזאָגטער הימעל־וועלט
אן אויסגעבלוטיגטער, צופייניגטער, פאר דיינע
אויסגעטראכטע זינד —

טראך — — — טראך — — — טראך — — — — —
פייער, רויך, בלוט מיט ביינער אָנגעשטויבטע,
קרעכצען שרעקליכע,
מיט אָפּגעהאקטע זיפצען

ער הערט זיך איין:
עס קלינגט א צווייטע שטים
ניט גײה אין שלאכט אריין,
ניט גײה!

דיין גייסט איז הויך
ווי זשע קען אזוינ׳ס געשעהן;
דו זאָלסט דיין „איך“ און שטאָלץ
ווי א יוננעס ווערב׳ל בויגען?

ווי קען אזוינס געשעהן?
א מענש וואָס פארשטעהט:
וואָס רעכט איז און וואָס אומרעכט איז
זאָל אין קריעג געהן:
ווי קען אזוינ׳ס געשעהן?

דוד, דיין ציעל אין לעבען
איז צום אמת שטרעבען.
ווי קענסטו לעבענ׳ס פארניכטען,
ווען ניט דו קענסט פאררינכטען?
ווען ביזט ניט אימשטאנד
מיט דיין אייגען־האנט
א נייעם לעבען בויען?!

האָסטו פארלוירען דיינע אידעאלען,
האָסטו זיי באגראָבען?
איז אלץ וואָס מענשליכעס אין דיר פארפאלען
איז שוין צייט צו קלאָגען?

וועה געשריען, וועה!
ועסטו קענען זעהן ווי א מענש צאנקט,

# דוד

1

ווי שטאָל און ווי אייזען,
איז קרעפטיג זיין וויל׳
גארט ער וואָס, געווינט ער
דערגרייייכט ער זיין ציעל.

די וועלט איז א תפיסה
דער אמת — אין איהר...
קלאפט ער מוטיג, שמעטערט,
רייסט ער איהר טיר...

2

דער קעניג האָט מלחמה ערקלערט;
יונג און אלט פארזאָרגט.
פרויען אומעטיגע פארטרויערט
נעהען אום פארווירט.

ווייט איבער׳ן הימעל א כמארע,
א שווארצע זיך שפרייט
א פלעק א רויטער אויפ׳ן הימעל
ערגעץ וואו פארגעהט.

פינסטער איז געוואָרען, — סארא שרעק!
ז׳מיטען טאָג די נאכט...
די נאכט האָט אויסגערופען, — דוד!
קום, מלחמה ווארט.

אזוי איז געשעהן
ער פאָלגט ניט דעם קעניג.
שוין לויערט דער טויט,
דאָך, ארט עס איהם ווענינ...

מ'פיהרט איהם אין קייטען צו באשטראפען,
דאָך שרעק פעהלט אין זיינע אויגען.
דער הענקער האָט א שטריק פארוואָרפען...
און דוד'ס האלדז פארצויגען...

דוד'ס קערפער הענגט אין דער לופטען,
ער וויגט זיך פון ווינט 'הין און צוריק.
זיין קערפער איז אין שטראהלען פארזונקען
דוד הענגט אויפ'ן שטריק...

אויף זיינע ליפען א שמייכעל פארהאלט זיך,
אין די ווינקלען פון מויל עפּעס לעבט...
די לאָקען צושויבערט, דעקען דעם שטערען
דרך־ארץ א הייליגער שוועבט!..

פון מזרח א גאָלדענע זון זיך צוגליהט
שיקט איהרע שטראהלען אראפּ
דוד ליגט שוין א טויטער באגראבען
א בלימעלע וואקסט אויף זיין גרוב...

דאָס בלימעלע וואקסט, שפרייט זיך פאנאנדער,
איינזאם פארוואָרפען אין פעלד,
ס'ציהט זיך יניקה, איהר ווייסט דאָך דעם מקור
ס'קומט פון א הייליגען העלד...

ווען דו אַנזעהן דיין שווערד מיט בלוט.
דיין שאַרפען שווערד וואָס בלאַנקט,
וועסטו קענען צוברעכען דיינס
דיינע הייליגע פּרינציפּען.
וועסטו דאַן דעם אמת טראַגען
אויף דיינע ליפּען?

אויב, חלילה, טאָן וועסטו אזוי,
צו א ביקס אדער צו א שווערד זיך ריהרען
זאָל די תוכחה אויף דיין פּנים פאַלען.

דיין געוויסען זאָל דיר קיינמאָל ניט פארגעבען
פארשאָלטען זאָלסטו זיין פון יעדען.
זאָל דיין אייגען קויל אין דיין הארצען ציעלען
פארשפּאָטעט זאָלסטו זיין פון יעדען.

נערענק:
מענשען-ליעבע איז דער צוועק פון זיין,
אמת, אויף דיינע ליפּען דאַרפסטו טראַגען
גערענק מלחמות רואינירען;

אלץ וואָס איז גערעכט, און שעהן.
זעה, יושר זאָלסטו ניט פארלירען,
זאָג, דו וועסט אין קריעג ניט געהן. —

3

אין דוד'ס אויגען פייער גלאַנצט,
זיין געזיכט ווערט פלאַמיג רויט.
ניט אין שלאַכט-פעלד וועט ער געהן
מעג מען איהם געבען דעם טויט...

# מעלאדיען.

# נאָך ביים וויגעל...

מיין טרייער מאמען א מתנה

נאָך ביים וויגעל, אין מיין קינדהייט
פלעגט מיין מאמע לידער זינגען.
טרויעריגע ווי מיין לעבען
פלעגען איהרע לידער קלינגען...

זי פלעגט מיר זינגען ליו־ליו־ליו.
שלאף שוין איין דו קדיש מיינער;
מיין ברוסט איז טרוקען כ'האָב קיין מילך
ועה־ניט־ווייסט דער מאמען דיינער...

וועו ניט ווען פלעגט זי מיך טרייסטען
מיך צי זיך, — איך וויים ניט וועמען...
ס'וועט דיין טאטע געלט פארדינען
וועסטו מעהר מיין קינד ניט וויינען...

אה, מיין מאמע גוטע מאמע
ווי זי פלעגט עס ביטער ליידען!
ס'פלעגט אין שטוב דער דלות פייפען
נאָר זי פלעגט פאר קיינעם רעדען...

ס'פלעגט דער ווינט אין פענסטער וויינען,
קלאפען ווילד מיט זיינע פינגער...
...ניט געוואוסט ס'וועט זיך אָפרופען
אין דער צוקונפט אויף דעם זינגער...

# זיסע לידער. יענע לידער

זיסע ליעדער, יענע ליעדער
פון בליהענדע אינגעל־יאָהרען
וואו זיינען זיי היגנעקומען?
וואָס איז פון זיי געוואָרען...

ס'איז פארבליבען בלויז אן עכא
אן אפגעהאקטער ווידער־קלאנג
וואָס קומט ארויס ווען איך באדויער
לאנג פארלוירענעם געזאנג?

אומזיסט די וואונשען, פארלאנגען
שוין פארשוואונדען יוגענד־גליק
ס'וועלען לידער געזונגענע
ניט אומקעהרען זיך צוריק...

## כ׳וועל

1

כ׳וועל שפּינען מיינע פעדים
וועד־זשע וועט זיי וועבען?
כ׳וועל שפּינענדיג אויסגעהען
וועד־זשע וועט דערוועבען?

כ׳וועל שרייבען מיינע ליעדער
וועד־זשע וועט זיי לייענען?
כ׳וועל זינגענדיג אויסגעהן
ווער וועט נאָך מיר ווייגען?...

2

קינדער וועל איך לאָזען אומעטום צוזייהטע
איינער וועט דעם צווייטען ניט פארשטעהן...
אין ארכיוועז וועלען מיינע ביכער פוילען,
ס׳וועט די צייט מיט שימעל זיי פארוועהען!...

ס׳וועלען בלייבען מיינע פעדים ניט דערוועבטע
קינדער מיינע וועלען ניט דערשפּינען.
א רוהינלאָזער אין קבר וועל איך ליגען
ביז מיין וואָרט א מקום וועט געפינען...

## שכרות

אז ביטער איז מיין לעבען סיי ווי סיי
האָב איך גענומען א טראָפּן ביטערס זיך דערגיסען;
אז פרייד איז פרעמד צו מיר פון קינדערווייז אויף
טו לאָם איך כאָטש פון לייד און ביטערעס געניסען.

כ׳האָב אין וועלט אומגליק אָנגעטראָפען
האָט זיך מיין הארץ מיט וועהטאָג אָנגעפילט;
כ׳האָב געזוכט א טרייסט אין וועהטאָג מיינעם
און האָב אין שכרות מיינע שמערצען זיך געשטילט...

## צום מאָמענט

מיר ווייסען ניט דעם מאָרגען
שפּעטער וואָס וועט זיין;
טו לאָמיר לעבען איצטער
לאמיר פרעהליך זיין.

מיר זיינען ווי די בלינדע
טאפּען אונזער וועג
מיר ווייסען ניט דעם מאָרגען
ווייסען ניט דעם ברעג.

טו לאָמיר כאָטש א לעב טאָן
כאָטש א גוטע שעה
כאָטש א הוליע פאר א ווייל
ביז עס קומט די רוה...

## די וועלט.

די וועלט איז א דול הויז
דו ביזט אין איר
פרובירסטו אנטלויפען
לאָזט ניט די טיר...

די וועלט איז א דול הויז
צאמט זי דיר איין
גיט זי דיר קיין פריידען
גיט זי דיר פיין...

נעלינגט דיר זיך שיידען
מאכען א סוף
צו איז ניט פיעל ערגער?
טויט איז דיין שטראָף.

## האָב איך...

האָב איך שוין געזונגען
אָט אזוי פון הארץ
האָט שוין שפּאָט געקלונגען
פיהל איך שוין א שמארץ...

## איהר האָט געזאָגט.

איהר האָט געזאָגט
כ'זאָל ניט זינגען.
כ'האָב ניט געפאָלגט
כ'האָב געזונגען...

איהר האָט געשפּאָט:
מיין ליעד ז'נאריש
כ'האָב געזונגען —
איהר זיינט שוין אלט...

מעגט איהר מיינע ווערטער צו דער וויסטע שיקען
מעגט איהר מיין אמת מיט די פיס צוטו־עטען, —
זיי וועלען ווי שוועמלעך נאָך א רעגען וואקסען
זיי וועלען אנערקענונג זיך ניט בעטען.

ס'האָט דער זינגער אנערקענונג ניט געבעטען
און ניט געזוכט א צושטימונג פון פאך־לייט
עס וועט מיין וואָרט, מיין ליד צווישען פאָלק פארבלאָנדזען
כאָטש דער וועג, דער לאנגער וועג צום פאָלק איז ווייט...

## מיינע יאָהרען

מיינע יאָהרען זיינען ביטער
מיינע טעג אי גרוי, אי וויסט
פון מיין האָפנונג ס'פארלוירענע
זעלטען ווען ווער איך געגריסט.

גלויבען האָב איך לאנג פארלוירען
כ'האָב צעבראכען לאנג מיין גאָט
וואָס־זשע זיין וועט פון מיר שפעטער:
וועל איך בלייבען ווי צו שפּאָט?

## דער נאר...

וואו איז דער קוואל
וואָס שלאָגט מיט לעבען,
דו אלמעכטיגער,
פון טויזענד וועגען?...

איך איינציגער מיט מיינע בליקען
זוך אין טיעפעניש פון „זיין"
כ'שטורם מיט ווערטער
אין פארצווייפלונג פול אין פיין...

כ'בין פארמאטערט פון תמיד זוכען
כ'טרינק זיך אין ים פון צער;
מיין פנים ווי דער חושך
מיינע אויגען ווי ביים נאר...

וואו איז זשע פארט
דער קוואל פון לעבען?
כ'וועל אייביג, אייביג פרעגען...
מעג איך זיין א נאר...

# מיין שטעדטעל

איך זעה מיין קליינעם שטעטעלע
וואָס איז איצט פון מיר ווייט
איך זעה דעם טיפען שווארצען וואלד
וואָס איז איצט פון מיר ווייט.

א שמאָלער וועג, א שלענגלענדער
דאָך גוט געווען פאר צוויי...
מ'ין גוט אסתר'ל מיין שעהנס
באשיינפערליך איך זעה.

זי שמייכעלט און פאררויטעלט זיך
און ווייזט די מילך־צייהן
נאָר צנועה'דיג און שעמעוודיג, —
א וואונדערבארער חן...

איך זעה דעם בלויען ברייטען בוג:
ער איז דאָך אזוי טיף;
אָט ברויזט ער שטיל און חן'דעלט זיך,
אָט גיט ער מיר א רוף.

„—מרדכי, קום געניס פון מיר
איך גיב די וועלען דיר
די זון זי שמראהלט מיט גאָלד ארא?
אויך זי זיך באָדט אין מיר...

---

דער וואלד געדיכט איז שווארץ אזוי
דאָך שרעקט ער מיך ניט. ניין!
עס דערמאָנט דער וואלד א ניגערעל
א שווארצער דאָך מיט חן...

## שטארק איז מיין פרעגען

שטארק איז מיין פרעגען
טיף איז מיין בענקען
שטארק ווי דאָס אייזען
טיעף ווי דער ים.

שנעל איז מיין געהן
פעסט איז מיין שפּאַן
הויך איז מיין ריידען
ווערטער — א ים.

ווען מען ארען די אומעדיגע טעג די זויערע
כ'בין יונג, זאָלען שפּראָצען הייליגע פארלאנגען
איהר שרייט: „ניט גוט!" מיין אויער הערט דאָס ניט;
איך הער איצט קיינע טרויעריגע קלאנגען...

# אָה די ווייט, די ווייט...

אויף די ברעגען אויף די זאמדען
האָט מיין הארץ געביינקט.
און די רויטע זון ווי פייער,
האָט א שטראהל געשענקט...

כ'האָב מיין הארץ אין שטראהל געבאָדען
ביז נאָך מיטאָג־צייט...
און דערנאָך אליין געבליבען
לאנג געקוקט און ווייט...

אה, די ווייט, די ווייט...

די זון אויך נאָר אַן אנדערע
ליכטיגער מיר דאכט;
ניטאָ קיין גרויסע מויערען
נור שטיבעלעך א פראכט.

אָט פאָהרען דאָרט פון וואלד ארויס
פויערים אָהן צאָהל;
זיי זינגען וואָס, — ווי זיס עס קלינגט
באקאנטעס פון אמאָהל!...

אך ווי שרעקליך איז די נאכט.
ס'איז נאך ערגער ווען דו ווארסט...
אז דער טאג זאל קומען שווינד
וואלט איך וויינען ווי א קינד.

אומעטיג

קום שוין, קום שוין, טאג צוגעהן,
ועסטו הערען ווי איך וויין...
די קעלט פרעסט זיך איין אין מיר.
ווי א בייזע ווילדע טיער.

## דער בעטלער

אז איינגעבויגענער מיט א שטעקען אין
האנט.

שווארץ איז די נאכט אומבאשטימט.
דערפאר איז זי איצט, בארימט...
ווער איז דעם, וואס ווארט פאר „טאג"
ס'קומט אויף איהם א וויסטע קלאג...

די זון ז'ווייט נאך זעהר ווייט,
צ'וואס-זשע ווארטען פאר דער צייט?
כ'האב געווארט אמאל אזוי.
ביז איך בין געווארען גרוי...

## געפאלענע

איז וואס?
איז וואס?

# א שטיקעל ברויט

דראמאטישע פאעמא אין איין אקט

## פערזאנען.

### די געפאלענע
### א בעטלער

גרויסע פעלזען. עס שלענגלען זיך וועגען
ארונטער צום ים. פון ווייטען'ס זעהט זיך
א שיף באלויכטען מיט גרינע־בלויע און
רויטע לעמפעלאך. ס'איז א בלינדע פינס־
טערע נאכט

### געפאלענע

זי ליגט אויף א שטיין איינגעוויקעלט אין
צוריסענע טראנטעס און רייבט זיך די
שלעפעריגע אויגען מיט שמוציגע הענט...

**דער בעטלער**

דער בעטלער איז עלטער...

**געפאלענע**

זעה נאר די שיף ווי זי יאגט זיך.
זעה נאר די שיף ווי זי ווינגט זיך.
זי יאגט זיך צו לאנד איצט אריין
עס מוז דארטען ווארעם איצט זיין...

ברויט איז אויך דארטען דא.

**דער בעטלער**

גלויב ניט אז ס'איז דארטען דער גן־עדן
ניט יעדען איינעם איז דאך גוט.
ניט יעדען איינעם הערט צו גאָט...

**געפאלענע**

עס קלעמט מיין הארץ. עס פעהלט מיר ברויט.
איך זעה פאר זיך דעם בייזען טויט...

**דער בעטלער**

איך האב א קליין שטיקעלע ברויט.
פון טארבע אויסגעשמירט אין קויט.
קום אהער זיך טיילען
קום אהער זיך ווייל[illegible]...

ער נעהמט ארויס פון טארבע א שטיקעל
ברויט, ברעכט עס איבער אויף צווייען.
קוקט דארויף מיט גרויס פארגעניגען...

**געפאלענע**

דו האלסט עס זעהר לאנג.
צי פיהלסטו ניט א באנג
נאך אויסגעבעטעלט ברויט?

**דער בעטלער**

זאָל דיר מיין שטערן זאָגן
און מיין בעטלעריש קלאָגן.

**געפאַלענע**

איך קען ניט זעהן דיין שטערן גליהט.
די בלינדע נאכט דערלאָזט מיך ניט...

**דער בעטלער**

קום הער! קום הער אויבען אַז.
ס'וועט דיר ניט העלפען די זון...
דער נאכט'ס בלינד אויג איז דיין פריינט
די ליכטיגקייט איז דיין פיינט...

**געפאַלענע**

זיך פארהוסטענדיג

דו אַלטער נאַר. וויסטער נאַר.
ז'וועניג מיר מיין איינען צער?
צו זאָל איך געהן צו דיר,
צו דו זאָלסט געהן צו מיר?

כי... כי... כי...
עס זאָל די פרוי גאָר געהן צום מאַן.
געפעלט דיר אזא שפּאַס?

**דער בעטלער**

אה, ס'איז מיר קאַלט, אה ווי קאַלט!
עס טרעפט ניט א צאָהן אין א צאָהן.

**געפאַלענע**

מיר איז נאָך קעלטער.
איך בין דאָך עלטער...

**געפאלענע**

ווינט וועט נאך מיר וויינען.
די דעמבעס וועלען האסטיג קראכען.
די הינט וועלען בילען.
און די טייוואלעם וועלען לאכען...

**דער בעטלער**

גענוג. גענוג.
וואו ביזטו דארט?

**געפאלענע**

כ'זעה שוין ניט דיין שאטען.
די נאכט איז פּינסטער בלינד.
צוליעב דעם שטיקעל ברויט...
אז וועה איז מיר אזן ווינד...

**דער בעטלער**

שטרעקט אוים זיינע הענט.

אט ביז איך דא!

**געפאלענע**

מ'זעהט שוין ניט די שיף:
ז'איז שוין אויך פארשוואונדען.
קיין ליכט. קיין שטראהל.
ברעננען ניט די שטונדען...

**דער בעטלער**

בויג זיך איין אויף אלע פיער.
ווערסטו טרעפען גלייך צו מיר...

## דער בעטלער

נו קום אהער געשווינד
און צאהל מיר אפּ מיט זינד...

## געפאלענע

די „זי“ געהט ניט צום „ער“.
איך האס דיך, יא איך שווער.
נאר געהן מוז איך גלייך.
פארפאלען דו ביזט רייך.

פארמאגסט דאס שטיקעל ברויט...

זי הויבט זיך אויף א פולע לאנגזאם
און געהט.

וואו ביזטו דארט?

איך זעה דיך ניט.
דער טויט מיר דוכט
איז הארצען גליהט...

זיפצט

## דער בעטלער

זיפץ ניט אומגליק. ציטער ניט.
ס'איז דאך ניט דיין ערשטער שריט...
דו ביזט שוין א געלער בלאט
האסט איז זיך קיין פונק פון גאט...

דער בייזער ווינט וועט דיך פארטראגען
קיינער וועט נאך דיר ניט קלאגען...

# אינהאַלט:

## ליעבעס ליעדער


האָסט געוואָרט — 7
שפּרייט אויס — 15
דו האָסט זיך פאַרליעבט — 17
לאָך דיין געלעכטער איז זיס — 18
עס ציהט אין הארצען — 19
איך וועל שווייגען — 20
גאָט היט מיר אָפּ איהרע — 21
אין סאָד — 22
זונען אויפגאנג — 23
האָסט געהערט — 24
דו... — 26
איך האָב געעפענט — 27
עס פעהלט מיר א סטרונע — 28
מיין טיר איז פארשלאָסען — 29
אויף די וועגען — 30


## זומער


מיין טעות — 33
עס קומען אן די נייע טעג — 34
אפּריל — 34
ניסן — 35
זומער אָוועגט — 36
דער טאָג — 37


## הערבסט


געלע בלעטער — 40
ס'האָט דער הימעל — 41
פאַרטריקענט איז דאָס — 42
עס האָט דער קוס — 43


## ווינטער ליעדער


א ווינטער פאַרקאָוועט — 46


## פאַרשיעדענע ליעדער


צו פריה בין איך צו — 49
ווי אן אומרוה — 50
דאָס פענסטער איז — 51
כ'האָב מיין לעבען — 52
דער צוג וועט ציהען — 53
איך בין אין שטאָט — 53
עס טראָגט זיך דער ווינט — 54
בערג שטומע — 54

## געפאלענע

זי פאלט אויף די הענט און קריכט.

אך דאָס שטיקעל ברויט,
ליבערשט שוין דער טויט...

## דער בעטלער

שנעלער. שנעלער.

## געפאלענע

אה, די פינסטערניש...
גוואלד — — — גוואלד — — —

זי פאלט ארונטער אין אן אפגרונט איבער
שטיינער. עס הערט זיך א פארצווייפעלט
ווילד געשריי.

## דער בעטלער

וואוהין ביזטו אוועק?
צ׳וואס צ׳וואס די שרעק?

א — א — — — ארונטערגעפאלען...
צוליב דעם שטיקעל ברויט.
בעסער, איז דער טויט...

## צייט ליעדער


מאך צו דיינע אוינען — — 57
איך בין דאָס קינד — — 58
צו פּוילען — — — — 59
איך האָב נעפּרואווט — — 60
זאָל פּאָלען — — — — 61
מיין פּאָלק — — — — 61
קהאקי קליידער — — — 62
אויף דער וואך — — — 63
אויף דעם פּאראד — — — 63
א בריעף — — — — — 64
אפּגעהאקטע זיפּצען — — 66
דוד — — — — — — 68


## מעלאָדיען


נאָך ביים ווינעל — — — 75
כ'וועל — — — — — 76
זיסע לידער יענע לידער — 77
די וועלט — — — — — 78
שכרות — — — — — 79
צום מאָמענט — — — — 79
מיינע יאָהרען — — — — 80
דער נאר — — — — — 80
האָב איך — — — — 81
איהר האָט נעזאָגט — — 81
שטארק איז מיין פּרענגען — 82
מיין שטעטעל — — — 83
אה די ווייט די ווייט — — 85
א שטיקעל ברויט דראמאטישע
פּאָעמע אין איין אקט — 86